STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05184

DER NAY MODISHER HOSN!

O. Bloshteyn

Permanent preservation of this book was made possible
by Barbara Desind Kernan
in memory of
her parents, Philip & Anne Desind, (1910-1996 & 1910-1968)

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער

נײַ מאָדישער חתן!

איין ראמאן

אין צװײא טהײלען

פערפאסט

פון עזר בלאשטײן.

ווילנא

שנת תרנ"ז לפ"ק

НОВОМОДНЫЙ ЖЕНИХЪ.

Романъ. Сочин. Авзера Блоштейна.

Собств. изданіе Л. Л. Маца.

Съ Виленскаго изд. 1884 г.

ВИЛЬНА.

Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ переулкѣ, д. № 1195/6 1897 г.

Дозволено цензурою. 24 Февраля 1897 г. Вильна.

ערסטער טהייל.

1.

ניימאדישע טרייהייט.

אין אוואגאן פון אבענד-צוג וואס געהט נאך קרובסק, איז געזעסען איין יונגער מענש פון איאהר 25 עלעגאנט געקליידעט, האט געקוקט דרויסען אונ גערויכערט אציגאר, אונ וואר וויא עס שיינט העכסט פערגניגט. דען צייטענווייס פלעגט אשוועב געבען אליבליכער שמייכעל אויף זיינע ליפפען; וואהרשיינליך וואר ער פערטיפט אין אנגענעהמע געדאנקען. דאס וועטער וואר שיין, האטש עס איז שוין געווען, וויא מען זאגט אריין געפארען אין הערבסט. עס איז שוין געווען רעכט פינסטער, דיא פאסאזירע אין וואגאן האבען שוין אנדערע אנגעהויבען צו שלאפען; אנדערע זיינען אזוי געזעסען פארטראכט אין זייערע פאמיליען-אונ געשעפטס-אנגעלעגענהייטען; אין דער אנדער עקע פון וואגאן האבען זיך איינגע דיספוטירט, זייא האבען געשריען, געלארמט, דען דאס קלאפערן פון דיא שינען האט זייא געשטערט אין זייער געשפרעך; אנדערע האבען גערעדט זעהר לייזע, אונ האבען זיך פון רעסט וועגען גאנץ גוט פערשטאנען. — דער יונגער מאן קוקט אויף קיין זאך ניט, ער נעהמט ארויס זיינע טאשענאוהר, גיט אקוק אונ זאגט: וואס איז פאר איין אונגליק היינט מיט דער אוהר, קוים וואס זיא געהט! אונ וויא דער לאקאמאטיף גייט עפעס היינט טייוועלס לאנגזאם, עפעס וויא זייא וואלטען זיך ביידע צו זאמען גערעדט מיך צו קוועלען, אונ דא געה איך אוים, איך וואלט שוין גערען זעהען מיינע ליבע מינדיל, וועלכע ווארט אויף מיר אויך געוויס מיט דער גרעסטע אונגעדולד; געוויס דענקט זיא יעטצט אן מיך אונ ציילט דיא מינוטען מיט מיר צו זעהען זיך, אזוי וויא איך צייל יעצט דיא מינוטען, אונ וואלט איהר שוין גערן זעהען. א וויא גליקליך וועל איך באלד זיין! באלד וועט זיין אונזערע תנאים אונ מיר ווערדען פערבונדען מיט דיא הייליגע באנדען פון ליבע אויף עוויג.

בייא דיזע געדאנקען האט ער דער הערט אהילכיגען קוס הינטער זיך, ער קעהרט זיך אב, ער זעהט עס זיצט אהערר מיט אפריילין געארמט. — אהא, טראכט ער בייא זיך עס איז דא נאך גליקליכע אויף דער וועלט אויסער מיר אויך; איך האב געמיינט, איך בין איין גליקליכער אויף דער וועלט; נו לאז זייא גאט העלפען. איך בין נייאגיריג צו הערין וואס ריידען זייא און גוט בעטראכטין זיי; דען דאס איז פון דיא זאכין, וואס איז זעהר אינטערעסאנט.

זיא איז צו בלאס, רעדט ער צו זיך קוקענדיג אויף זייא, אבער זעהר צארט און עדעל; עס שיינט אז זיא האט פיל געליטען, דיא ליבע אדער אנדערי אומשטענדע האבין איהר פערצעהרט. ער איז אשיינער יונג, אבער אפערדעכטליכע פיזיאגנאמיע; עס איז פינסטערליך, אבער מיר דאכט, איך בעמערק אבאזהאפטין שמייכיל אויף זיינע ליפפען. שא, זייא ריידען לאם איך הערין.

וועט דער רב גאר נישט שטערין צו אונזער חופה, יאקאב? פרעגט זיא איהם.

וויא הייסט עס? וואס האט ער צו שטערין, ענטפערט יאקאב, אונזער זאכע איז גאנץ ריין.

איז גלייך וויא מיר וועלין קומען אין קרובסק וועלין מיר שטעלין חופה?

וויא דען? איך וועל צוא זאמען רופען אמנין אידען און אבשטעלין חופה.

א וויא גליקליך וועלין מיר זיין, זאגט זיא; איך וועל זיך שוין ניט דארפין שעמין מיט... מיר וועלין זיך לעבין גליקליך צו זאמען, וויא דיא טייבעלעך, הא יאקאב?

געוויס, טייבעלע, ענטפערט ער טראקען.

דוא ביזט דאך מיין גאנצער טרייסט, זאגט טייבעלע איהם אומארמענדיג. ווען ניט דוא, מיין ליבער יאקאב, גאט וייס, וואס עס וואלט פון מיר גיווארען. מיין ארימער פאטער אליקום איז געשטארבען פלוצלונג איבער אגרויסען באנקראט, וואס מען האט איהם גימאכט דא אין דעם קאנט. מיין מוטער איז גישטארבין פאר איארען אין דער היים אין פאלטאווע, איך בין איהם גיוועזן איין איינציגע טאכטער, ער האט זיך ניט גיקענט פון מיר שיידען, זא האט ער מיך מיט גענומען וואו ער איז געפארין אין זיינע גישעפטין. דעם

לעצטין

לעצטין יאהר האט איהם געטראפען גרויסע אונגליקען; דיא געשעפטין זיינען גיגאנגין שלעכט אונ אם לעצטין האט מען איהם מיט אמאל אנגיזעצט 24 טויזענד רובל אונ דער פון איז ער פלוצלונג געשטארבין איך בין געבליבין איין אונגליקליכעס קינד פון 17 יאהר אין דער פרעמד אהנע פריינדע אונ בעקאנטע. דאן ביזטו געקומין צו מיר מיין ליבער יאקאב, אונ האסט מיך געטרייסט מיט דיינער פריינדשאפט, נאכהער האט זיך דיזע פריינדשאפט פערוואנדעלט אין ליבע, אונ דוא האסט מיר גישווארען אן עוויגער טרייע. דאס וואר פאר מיר ווירקליך דער גרעסטע טרייסט. א וועלכע גליקליכע טאגע מיר האבין דאן צו גיבראכט! דיינע טרייהייט דאן אין מיין טרויער צייט איז מיר פאר גיקומען וויא דיא זאנגע שיינט דורך שווארצע וואלקין... יא, דוא מיין ליבער יאקאב ביזט מיין איינציגע שטיטצע אין מיין עלענד; מעהר האב איך ניט צו האפין, אונ אויסער דיר איז מיין לעבין אויס. איך האב דיר אוועק גיגעבין דיא לעצטע אכט הונדערט רובל, וואס איז מיר פון מיין פאטער געבליבען; דען איך דארף גאר נישט; נור דיך אליין, יא יאקאב?

גיוויס, ענטפערט ער טראקין.

גלייך נאך דער חופה וועלין מיר שוין זיין דורך אויס צו זאמען, מיר וועלין אימער זיטצען אין שטוב אונ געדייען איינע פון דיא אנדערע. הא יאקאב?

אונ געשעפטען דארף מען גאר נישט פיהרען? זאגט יאקאב.

א איבער דיא פערפלוכטע געשעפטען, זיי שטערין דעם גאנצין לעבין. נישקאשע דער ווילע קען מען אויס קומען אן געשעפטען, דוא האסט דאך דאחאד פון דיין הייף, וואס דיר איז גיבליבען ירושה, אונ ווייטער וואו דוא וועסט געהן, וועל איך מיט דיר מיט געהן.

דיא ליבע מאכט דיך נאריש טייבעלע, זאגט ער.

לאז זיא מיך מאכין נאריש, לאז זיא מיך מאכין משוגע, מיך ארט דאס ניט, אבי איך האב מיר אליבען מאנעלע יאקאב, ווייטער קימערט מיך קיין זאך ניט... באלד וועלין מיר האבין אקינד, דעם זאלאג פון אונזער הייליגע ליבע, א וויא איך וועל איהם ליבען! ער וועט זיין אזא שיינינקער וויא דוא יאקאב...

אהא, טראכט ביא זיך דער יונגער מאן, וואס האט זייא צו געהארכט: זייער ראמאן האט שוין אזאלאג פון ליבע. נו נו לאס

איך ווייטער הערין.

וואס שווייגסטו עפּיס יאקאב, וואס ענטפערסט דוא מיר גאר ניט? זאגט זיא.

איך האב דאך ניט קיין נייען מאס רייד, וויא דיא פרויען, טייבעלע.

פאר וואס האסטו פיל גירעדט אמאל בייא אונזער ערסטע בעקאנטשאפט, יאקאב? דאן האסטו פיל גירעדט... א וויא ליב מיר איז גיוועזן דאן דיך צו הערין, אונ איצטער האסטו זיך אזו איבער געביטען... ביזט עפּעס גיווארין קאלט צו מיר, יאקאב...

אט זעהסטו דאך, טייבעלע, אז איך פאהר מיט דיר חתונה האבין, אונ איך ערפילע מיין פערשפּרעכין פּינקטליך.

אבער וויא שווער איז דאס מיר אנגעקומין! זאגט זיא, וויא פיל טרערין האב איך פערגאסין ביז איך האב דאס אויס געוויינט פון דיר. דוא פלעגסט מיר אלס אבלייגען פון טאג צו טאג, ביז עס איז גיקומען דיא העכסטע צייט, דיא העכסטע קריטישע מינוט, אונ דוא האסט אנדערש ניט איינגעווילינגט, ביז איך האב דיר געמוסט דראהען... אז...

דוא ווייסט דאך אליין, טייבעלע, זאגט ער אז מיינע קרובים האבין מיר גישטערט דערינען...

יא, אבער קרובים אונ ווידער קרובים... אז מען זאל קוקען אויף יחוס, דארפט זיך, האבין זייא זיך געבארפט פרייען מיט אזא פארטיע, ווען מיין פאטער אליקום שטערין איז פערנאנט פאר איינעם פון דיא גרעסטע מענשען.

אבער געלט האסטו דאך ניט. אונ אזו, זאגין זייא, וואלט איך גיקענט נעהמען נדן שיינע עטליכע טויזענד רוביל, אונ דוא האסט גאר ניסט.

א איבער דאס געלט! האט זיא אנגעהייבין צוא וויינען... ניט אומזיסט איז מיין פאטער גישטארבין פון דעם שרעקליכין באנקראט, ער האט גיוואוסט, אז דער פון וועלין שטאמען פיל צרות פאר זיינע איינציגע טאכטער.

נוא וואס האסטו זיך פאנאנדער געוויינט? זאגט יאקאב, דוא זעהסט דאך אז איך פאהר מיט דיר אונ איך קוק ניט אויף מיינע קרובים...

דוא ליבסט מיך? פרעגט זיא איהן אומארעמענדיג מיט טרערין

אויף דיא אויגען .

וואס פרעגסטו אזעלכע פראגעס ? זאגט ער , איך מוז דיר זאגין , אז דיינע פראגעס האבין מיך שוין גענומען דער עסען .

א , טראכט ביי זיך דער יונגער מאן , וואס האט זייא צו גיהערט ; דיזע זיינען נאך ניט דיא גליקליכען דר שטערבליכען , דעם יאקאבס קורצע פראזעס דיא טרוקענע ווייזען , אז ער איז איהר ניט אזו טרייא , וויא זיא איהם , זיא פיהלט דאס , אבער זיא בעמיהט זיך פערגלושען דיזע שלעכטע געפיהלע , איך בעדויער איהר שוין , ארעמע יתומה !

דער לאקאמאטיף האט גענומען פייפען , דיא פאסאזירע האבען זיך גינומען באוועגען , דען זייא קומען צוא איין שטאציאן , אנדערע ווילען גאר אבשטייגען , אנדערע ווילען גיין אין בופעט וואס געניסען , עס וואר שוין רעכט פינסטער , דער צוג האט זיך אבגעשטעלט אקאנדוקטער שרייט אוים פינף מינוטין ! — טייבעלע , רופט זיך אב יאקאב צו זיין געליבטע , איך האב פאר געסין אוועק צו לייגין דעם בריף צוא מיין אנקעל , איך וועל ארואב לויפין אריין ווארפען דען בריף אין יאסציק .

ניין , ניין , זאגט זיא , עס איז קורץ דיא צייט , מען קען ניט אב-שטייגען , ווען דער צוג שטייט מעהר ניט פינף מינוטין , דוא וועסט אין קרובס לייגין דעם בריף נישקאשע .

ניין , ניין , זאגט ער , מען קען ניט אבלייגין , זייא מוזין דאך וויסין וואו איך בין אהין גיקומען ; אז ניט וועלין זייא דארטין אויף הייבין אגאנצע טרעוואגע , אט איך לויף שוין אריין צוא ריק . מיט דיא ווערטער עפינט ער דיא טהיריל פון וואגאן אונ גייט האסטיג ארוים .

אוי איך פירכטע , ער זאל ניט פארזאמען , זאגט זיא אונ האט זיך גישטעלט ביין פענסטער .

גלייך האט מען גיגעבין דעם זוואנאק , דער אבערקאנדוקטער האט גענומען פייפען , דיא פאסאזירען האבין גענומען לויפען צוריק אין דיא וואגאנעס , אונ יאקאב איז נאך ניטא . פינסטער איז עס .

יאקאב ! יאקאב ! האט טויבע גינומען ענגסטליך שרייען ; יאקאב גיכער , ראשער , קום שוין ! פון יאקאב איז קיין אנטווארט ניטא ... דער לאקאמאטיף האט גענומען פייפען . דיא וואגאנעס האבין זיך גענומען בעוועגין ... זיא שרייט יאקאב ! אונ וויל אבשטייגען , דער קאנדוקטער לאזט איהר ניט . זיא רייסט זיך דיא האאר פון קאפף ,

שרייט יאמערליך: א איך בין פערלארין... יאקאב האט מיך אוועק געווארפין!... ער האט מיך בעטראגען!... ער האט מיך אונגליקליך גימאכט! זיא עפינט האסטיג דאס פענסטער אונ וויל ארויס שפרינגען, דיא פאסאזירען האלטען איהר אב. זיא שרייט: לאזט מיר, לאזט מיר לויפען נאך מיין מערדער, נאך מיין בעטריגער... לאזט מיר שטארבין... מיין לעבין איז אויס.

זיא האט זיך גענומען שלאגען קאפף אן וואנט, רייסען זיך דיא האאר. דער ווייליע דער צוג האט שוין גענומען געהן, דיא שינען קלאפפערן... מיט אמאל האט זיך דער הערט אשטימע פון דרויסען; טייבעלע, זייא רוהיג! זיא גיט זיך אוואָרף צום פענסטער. ער שרייט נאך לויפענדיג: טייבעלע זייא רוהיג... איך האב פערזאמט... איך וועל קומען מיט דעם צווייטען צוג... פאהר אריין אין דיא ערשטע אכסניא געבין וואגזאל אין קרובסק... זייא רוהיג...

דא האט זיך שוין מעהר ניט גיהערט זיין שטימע, דיא וואגאנעם זיינען אוועק פארוועהרטס. טייבע איז געבליבען זיצען עטוואס רוהיגר. נאך איינינען מינוטען אז זיא איז געקומען עטוואס צו זיך נאך דיא טרעוואגע, וואס דא איז גיוועזען, האט זיא אויס געבראכין אין אגעוויין. דער יונגער מאן, וואס איז דער ביי גיזעסין, האט איהר גענומען בערוהיגען אונ טרייסטען: — מען זעהט דאך, זאגט ער, אז דא איז קיין בעטרוג, זאנסט וואלט ער דאך ניט נאך גילאפפען בערוהיגען אייך. ער האט פערזאמט, דאס טרעפט דאך, אונ דער צו וואר דיא צייט זא קורץ.

וואס ווייסט איהר, ליבער פריינד, זאגט זיא מיט אזיפץ. ער האט ניט גידארפט אבשטייגען, דיא בריף וואלט ער ניט פערזאמען מיט אטאג שפעטער צו שיקען... א מיין הארץ זאגט מיר, אז דאס וואר נור אשווינדעל, וויא פון מיר לויז צו ווערין, א שרעקליך, שרעקליך איז דיזער גידאנקע... וויא יאמערליך מיין לאגע איז! וויא אונגליקליך איך בין!... נאר זאל מיר יאקאב אזו מערדעריש בעהאנדלען, אזו נידערטרעכטיג... דאס לאזט זיך ניט גלויבען. איהר וואלט וויסען מיין פריינד, וויא דער מענש האט מיך געליבט, וויא פריינדליך וויא גוט ער איז מיר גיוועזען אמאל... איך האב געמיינט אז קיין הייסערע ליבע קען גאר אויף דער וועלט ניט געבין; ניט שוין זאל דאס אלס זיין בעטרוג..!..

זיא איז נאך צו יונג, טראכט ביא זיך דער יונגער מאן, זיא האט נאך גאר קיין וועלט ניט געזעהען אונ נישט געהערט; זיא קען זיך ניט פארשטעלען, אז עס קען געבין אזעלכע בעטרוג אויף דער וועלט; זיא ווייס ניט אז אום צו מאכין אבעטרוג מוז מען פריער זיין גוט; זיא ווייס ניט אז מען בעטריגט נאר דעם ניט געניטען, וועלכער גלויבט אלעס וואס מען זאגט; אונ ווער גלויבט מעהר וויא איונגעס מעדכען, וואס איז זעהר ניט ערפאהרען? איך פירכטע זעהר ארמע יתומה, אז דיין יאקאב האט דיך בעטראגען אונ אונגליקליך געמאכט. דוא דויערסט מיך זעהר, איך וואלט דיך זעהר וועלין טרייסטען אונ שטיטצען. טראכט ער ביא זיך, נאר צום אונגליק, מוז איך דא אראב פאהרען אין אהויף ניט דער פאהרענדיג צו קרובסק אב געמין אפאר טויזענד רובל, וואס איך דארף לייגען גרן אויף מיינע תנאים אין קרובסק.

זייא זיינען אבגעפאהרין נאך דרייא שטאנציעס, אונטער דער גאנצע צייט האט ער דיא ארמע טייבעלע אימער געטרייסט, אז עס וועט גוט זיין; ער האט איהר נאך פערשפראכען אונ קרובסק איהר אויף צו זוכען אונ צו ערקונדיגען זיך, וואס מיט איהר טהוט זיך. ער האט פאן איהר אבשיד גענומען אונ האט אבגעשטייגען פון וואגאן אום צו פאהרען אייניגע ווערסט אין אדערבייאיגען הויף. זיא איז געבליבען אין וואגאן אונ איז ווייטער געפאהרען אייניגע שטאנציעס ביז זיא איז געקומען אין קרובסק אונ איז אריין געפאהרען אין דיא ערשטע אכסניא נעבין וואגזאל, אזו וויא יאקאב האט איהר געזאגט.

2.

דער ביטערער טראפפען מאכט ארושם.

אין דרייא טעג ארום איז אנגעפאהרען אין קרובסק אונזער בעקאנטער יונגער מאן, וועלכער וואר דער צושויער פון דער געשיכטע מיט יאקאב אונ טייבעלען אין וואגאן. האט גענומען איין איזוואסציק אונ האט זיך געהייסען פיהרען אין אטעל איירא‏פא. ער וואר פרייליך וויא עס האט געשיינט אבער זעהר אונגעדולדיג, דען ער האט געטריבען דען איזוואסציק, ער זאל פאהרען וואס ראשער.

אך איין אונגליק רעדט ער צו זיך, וואס זייא האבען מיר אבגעהאלטען גאנצע דרייא טעג כמעט אין הויף... קיין געלד איז ניט געוועזען... דער ווילע מיין כלה מינדעלע און מיין מחותן זיינען געווים העכסט אונרוהיג, וואס איך בין ניט געקומען צו דער בעשטימטער צייט... און איך אליין שטארב אויך פון אונגעדולד, איך וואלט שוין געררין זעהען מיין מינדעלען... נו איזוואסציק פאהר געבער, וועסט קריגען נאך אויף טייא, אבער ראש.

ער איז אנגעפאהרען צום אטעל, ער שפרינגט האסטיג אראב, לויפט ארויף דיא טרעפפע, בעט דעם ערסטען נומער, וועלכען דער לאקיי האט איהם גלייך געגעבען. הינטען האט איהם דער איזוואסציק נאך געטראגען זיין טשעמאדאן, ער האט איהם בעצאלט און האט געהייסען דעם לאקייא איהם דערלאנגען טהייא. דער ווילע האט ער זיך אויס געטאן זיינע רייזע קליידער, האט זיך גענומען ארום וואשען, האט זיך איבער געביטען וועש, אנגעטאן נייע קליידער, האט זיך געזעצט און האט אנגעשריבען א צעטעלע אזוי: „געעהרטעס-„טער צוקינפטיגער שוויגער פאטער הערר כתריאל ראזענשטאק! „האבע דיא עהרע איהנען מיטצוטהיילען, דאס איך ערסט עבען „אנגעקאמען בין, לויט וויא וויר שריפטליך פעראבערעדעט האבען. „אויף דעם וועג וואר איך געצוואונגען אונפערמוטהעט איין פאאר „טאגע איבריגע צו פערווייליען. איך האטטע דאפאן פיל פערדרוס; „ווערדע איהנען פערזאנליך אללעס ערקלארען. ערזוכט זיא ערגע-„בענסט, מיר וויסען צו לאסען, ווען איך דיא עהרע האבען ווערדע, „זיא פערזאנליך צו זעהען אונד ווען זאל אונזערע פערלאבונג שטאטט „פינדען. מיינען הייסעסטען גרוסס אן מיינע פערלאבטע. צייכנעט „האכאכטונגספאלל ערגעבענסט איהר צו קינפטיגער שוויגער זאהן „היימן גרינוואלד"

ער קלינגעלט אן, עס גייט אריין דער לאקיי, דערלאנגט איהם דעם צעטעלע און הייסט איהם אוועק טראגען צו הערן כתריאל ראזענטשאק. דער לאקייא איז אוועק געגאנגען און ער האט זיך געזעצט טרינקען טהייא. — א, רעדט ער צו זיך, וואס פאר א פריידע עס וועט יעצט זיין בייא מיין מחותן!... איך שטעל זיך פאר, וואס פערדרוס זייא האבין געהאט, וואס איך בין ניט געקומען פארגעסטערין וויא מיר האבין אין בריף אבגערעדט. מעהר וויא צווייא מעת

לעת האבין זייא זיך געקוועלט געווים מיט דער גרעסטין אונרוהע איבער מיר... איבער הויפט נאך מיינע מינדעלע, וואס ליבט מיך אזו, וואס האט מיר אזו געווארט, — אונ איך בין ניט געקומין צור רעכטין צייט, אונ קיין ידיעה האב איך זיי אויך ניט געקענט שיקען דען דיא פאצט פון הויף גייט נור צווייא מאל אוואך. איבער דיא פערפלוכטע געלד, וואס דער גראף האט ניט גיהאט אונ וואס ער האט גידארפט שיקען לייען פון דיא ארומיגע שכנים, — האבין מיר געדארפט האבין אזו פיל פערדרוס... נו אבער איצטער וועלין זייא שוין מיט אמאל ווערין רוהיג. איך שטעל מיר פאר, וואס דארטין טהוט זיך איצטער בשעת דער לאקייא האט זייא גיבראכט מיין צעטעלע. הלעבין, איך וואלט וועלין זיין דער בייא. דארטען האט געמוזט ווערין אסומאטאכע אין הימעל ארין, דער מחותן האט גע־ווים גינומען געבין פריקאזאניעס, דיא מוטער האט גענומען שטרא־פען, דיא הויז מענשין נעהמען וואשען, פוטצען הה ה! אקלייניג־קייט, אחתן קומט אן... אונ דיא כלה... הא... אונ דיא כלה מיינע זיא איז געווים גיווארען שארלאך רויט פון ענטציקען אונ פון בעוועגונג... זיא ווייס געווים ניט פאר וואס פריער צו האפען זיך, וואס אנצופאנגען... אקלייניגקייט, איהר ליבער היימן איז דא... א אכלה האב איך אפיינם: שיין וויא דיא זאננע אונ אזו רייצענד, אזו מילד. דא איזווירקליך איינע העכסט גליקליכע פארטיע. פריער האט זיא זיך געגרינדעט אויף ריינע ליבע, וועלכע האט געשטאמט פון דער בעקאנטשאפט וואס איך האב מיט איהר גימאכט אויף אחתונה אין ליוונע; נאכהער וויא איך האב געשיקט אשדכן צו איהר פאטער אונ ער האט איינגעוויליגט מיר צו געבין זיין טאכטער מיט נאך פינף טויזענד קערבלעך, איז דאך דאס טאקע אוויגאדנער שידוך פאר מיר, וויא איך בין אאיד; מיט דיא נדן וועל איך מיינע געשעפטין פערגרעסערן אונ איך וועל מיר לעבין מיט מיין מינדעלען אט וויא דיא טייבעלעך...

דא איז ער מיט אמאל גיווארין שטיל, עפעס וויא אטרויעריגער וואלקין האט זיך איבער צוויגין זיין גערזיכט, — איך האב זיך ארויס גירעט דאס ווארט טייבעלע, האב איך זיך ערמאנערט אן יענע טייבעלע, וואס איז מיט מיר גיוועזן אין וואגאן... ווער ווייסט וואס זיא מאכט צווא דער מערזאוועץ איז גיקומען צוא ניט... מיר

שיינט פון דעם מענשען, אז ער איז ניט גיקומען... א וויא אונגליקליך דיא ארעמע יתומה איז! נאר גיין, איך וויל דאס גאר ניט גלויבען, וואו קען אזעלכע מערדעבייא געבין אויף דער וועלט! וויא איך וועל אב פטערין מיין וויזיט בייא דער כלה, וועל איך גיין אויף זוכין דיא טייבעלען, זעהען וואס זיא מאכט, אבער וואס זאמט אזו לאנג דער לאקיי? ער האט שוין גיזאלט קומען... נאר וואהרשיינליך האט מען איהם אבגיהאלטען גיגעבין כבוד... חי חי חי! דארטין מוז זיך טאן... אלס איבער מיר... איך בין עפעס אזו ענטציקט, אז עס קריבט מיר גאר קיין טייא ניט, באלד קומט דער לאקיי, ער וועט מיר זאגין, אז מען ווארט אויף מיר מיט פאראד, אדער מען פאהרט מיר אהער ענטגעגין מיך אויף נעהמען אזו וויא עס פאסט... איך וויים גאר ניט, בייא דיא ערסטע באגעגענים מיט דער כלה צו איך זאל איהר קושין... נאטירליך איך וואלט זייער וועלין מיט איהר צו קוסין זיך, נאר ווער ווייסט פיללייכט זיינען זיי ארטאדאקסין און בייא זייא קען אויס קומען, אז עס פאסט ניט פאר מענשען, און איך דארף אלע שגעונות אויס שטיין... שטיין קוקען אויף דיא כלה און ניט אריהר געבין זיך! גלאט וויא אשטאטויע, נוא דאס וועל איך שוין אויך וויא עס איז אריבער טראגין; אבער וואס זאמט זיך אזו דער לאקיי?... שא עס הערט זיך טריט, דאס מוז ער גיין... הה הה! היינט וועט זיין מיינע תנאים מיט מזל און מיט גליק, און נאך דעם ההה, און נאך דעם וועט זיין מיין חתונה און איך בין דער גליקליכער דער שטערבליכען.

עס גייט אריין דער לאקיי, הימן גרינוואלד לויפט איהם ענט-געגין, חאפט איהם פאר ביידע הענד, טרייסעלט איהם און רעדט האסטיג: נו וואס הערט זיך? מען האט דיך געוויס גיזעצט אויבען אן? גיגעבין בראנפען? זייא זיינען גיווארען פריילין? צו טראגען? וואס האט דיא כלה גיטאן? נו וואס שווייגסטו? זאג שוין, נא דיר ארובל און רייד, דיינע ווערטער זיינען בייא מיר טהייער וויא גאלד.

וואס זאל איך ריידען? רופט זיך אב דער צו טומולטער לאקיי. זייא האבען געשיקט אהער אאידען, דאס מוז זיין דער שדכן; ער וועט אייך שוין אלעס זאגען.

גליך איז אריין גיגאנגען א איד אין אלאסטינעם מאנטעל, מיט איין אפענע האלז, אשיטערע בערדיל, דיא יארמיקע פון היטל

זעהט זיך ארום אפען קארק, דער ארבעל פון העמד הייננט ארויס פון זיין מאנטל, און דער מיט ווישט ער די נאז.

ווער איז דאס אזא איד? פרעגט הימן איהם גייענדיג ענטגעגען.

שדכן אני, שדכן ענטפערט ער זיך ארום קוקענדיג: האנדטוך? האנדטוך? או הו, האנדטוך או הו? א, א! ביי אידען זאל קיין האנדטוך ניט זיין. מיט די ווערטער נעהמט ער ארויס זיין שמוציגע פאציילקע און זאגט הויך אשר יצר.

נו נו! שרייט הימן מיט אונגעדולד, וואס הערט זיך? וואס טהוט זיך דארטען?

גלוי וידוע לפני כסא כבודך, ענטפערט דער שדכן גלאטצענ־דיג מיט די אויגען און ווערט אויילע שטיל. — אהא, זאגט ער דער זעהענדיג דעם סאמאוואר, דא איז דא טהייא, עס ווילט זיך מאקע אגלעזעל ווארמעס, חלעבען. מיט די ווערטער זעצט ער זיך ביי דעם טיש, גיסט זיך אן טהייא און טרינקט.

נו וואס האט שוין אייך דער מחותן גיזאגט? פרעגט הימן, וואס? זיא פאהרען אהער, אדער איך דארף פאהרען אהין?

א א! וויא מען לאזט דאס אביסל ניט לעבין!... נו די יונגע לייט! דא האט ער זיך פאנאנדער געהוסט אויף צעהן מינוט און הימן שטייט און ווארט אין גיהאקטע וואונדען. דער שדכן האט זיך אויס געהוסט, האט זיך אויס געשנייצט די נאז, אב־געווישט מיט דעם ארבעל פון העמד און גענומט טרינקען טייא. אך וויא דער הוסט מאטערט מיך, דאס קומט אלס פון דער ביטערע פרנסה: די חתנים ווילען מען זאל זייא ארויס זאגין אלעס אויף אמאל; אט מוז מען זיך פארהוסטען ניט ווילענדיג.

גענוג אייך שוין צו ריידען, זאגט הימן. וואס? זייא פאהרען אהער?

ניין, ענטפערט דער שדכן.

איך זאל פאהרען אהין? פרעגט הימן.

אויך ניט, ענטפערט דער שדכן.

וויא הייסט עס! וואס רעדט איהר! שרייט הימן. ניט הין, ניט הער, וואס דען?

האסטו ניט אשמעק טאבאק, יונגער מאן; מיינע טאבאק איז גאר פארטריקענט גיווארען.

אבער

אבער וואס איז מכת מיין מחותן ראזענשטאק ? פרעגט הימן העכסט אויפגעבראכט.

וואס ביזטו אזוי אונרוהיג ? ענטפערט ער איהם. עס וועט זיין חתונה אי״ה, ניט אנדערש.

אזוי ! זאגט הימן רוהיגער ביי זיך.

וואס דען מיינסטו, כתריאל׳ס טאכטער וועט ניט האבין חתונה ? זיא איז דאך אבתולה, אונ א אידישע טאכטער מוז חתונה האבין אונ וועט חתונה האבין אי״ה.

אבער פריער מוז מען דאך מאבין תנאים, זאגט הימן.

וואס דארף מען דיא תנאים, אז מען האט שוין געקויפט פיש אונ פלייש אונ מען קאכט, אונ מען בראט שוין, היינט זיבען אוהר וועט זיין דיא חופה אי״ה.

וואס רעדט איהר ! גיט אגעשרייא הימן אטראט געבענדיג צו-ריק. היינט וועט זיין חופה ביי כתריאל ראזענשטאק אונ איך ווייס גאר פון קיין זאך ניט !... וואס טהוט זיך דא !...

אט דאס האט דאס מיר טאקע דער מחותן געשיקט צו אייך בעטין, איהר זאלט אויך קומען אויף חתונה היינט זיבען אזייגער.

וויא הייסט עס אויך ! גיט ווייטער הימן אגעשרייא מיט א-הייזעריגע שטימע. וויא הייסט מיר אויך ! איך בין דאך דער חתן !

דא האט זיך דער שדכן ווידער פאנאנדער געהוסט, אויף א-פירטעל שטונדע.

שלעכט, שלעכט ! זאגט הימן, דר תיכלון מאכט מיך אונגליקליך. מיט זיינע רייד מאכט ער מיך משוגע אונ מיט זיין הוסטען פאר מאטערט ער מיך גאר. זאגט מיר נ׳ר איד, רופט ער זיך אב צו איהם ; איהר וועט מיר אמאל זאגען קלארע ווערטער צו ניט ?

איך זאג אייך קלארע ווערטער, זאגט דער שדכן, אז ער האט זיך שוין גיהאט אויס געהוסט ; אז היינט אי״ה וועט זיין דיא חופה ביי כתריאל ראזענשטאקס טאכטער. דאס שווער איך אייך ביי מיין הן.

איהר זייט משוגע אדער שיכור, זאגט הימן בראזענד.

אהא גיטראפען ! זאגט יענער. אין מיין שטעטל רופט מען מיך טאקע שמעיה תנחום סומאשעדין, דאס איז אז איך נעהם ניט קיין ביסל בראנפען, אבער אז איך נעהם אביסל בראנפען...

דאן

דאן זייט איהר אפיאניצע! שלאגט איהם איבער הימן. נו זאגט שוין וואס איז דא גיוועו? מען האט מיר געוויס געשריבין, אז זייא ווילען היינט זאל זיין חופה, און מיר איז דער בריף ניט אנגעקומען. זאגט שוין, ר' שמעיה תנחום, איך דארף זיך דאך בעריטען צוא דער חתונה...

וואס זייט איהר אזוי צו קאכט! חלעבין, זאגט שמעיה תנחום. שטייטס, וויא זאל איך ניט זיין צוקאכט! איך בין דאך דער חתן!

א ווייליע דוא מיינסט דוא ביזט דער חתן, דער פאר ביזטו אומרוהיג; אבער אז דער חתן איז איין אנדערער, האסטו דאך שוין ניט וואס צו זיין אומרוהיג.

הא! וואס רעדט איהר! גיט אגישרייא הימן מיט וואוטה. איהר האט ניט פון וועמין צו לאבען. איהר האט זיך אנגעשיכרט און גיקומען אהער מאכין שקאנדאלען.

איך שיכור, וואס רעדט איהר! איך האב היינט ביין מחותן גינומען אפאר גלעזער בראנפען און אדריטע פארביסען, ווייטער איז אין מיין מויל נישט אריין, וויא איך בין אאיד.

וואס איז דא גיוועו פאר אמעשה? שרייט הימן הייזעריג פון וואוטה.

דא האט זיך אקליינינקע סיבעצקע גיטראפען, זאגט שמעיה תנחום. כתריאל ראזענשטאק איז גיוועו אין מאגעליסאק, האט זיך דארטין גיטראפען מיט איונגען מאן מאיר וויסבערג אבעריהמטער אדוואקאט, ער איז איהם גיפעלין גיווארען, האט ער איהם געשיקט אשדכן און דער שידוך האט אבגעבאקען. דער שדכן פארשטייט איהר, בין איך, דער פאר איז דער שידוך אזוי גיך און גלאט צו גיגאנגען. און ווייליע דער חתן פאהרט ארוים אין ראסיע, האט ער פארלאנגט, מען זאל מאכין דיא חופה וואס פריער און ער האט געפועלט און היינט איז דיא חופה, און איך ארימאן רייס אריין צוויא הונדערט קערבלעך הההע!

הימן איז געבליבען שטיין פערבליפט איינגע מינוטען. נאכ- דעם האט ער גינומען לויפען איבערן שטוב וויא וואהנזיניג און רייסען זיך דיא האר. — שטייטס! רעדט ער צו זיך, מען האט מיך אויס געביטען אויף איין אנדערן! מיינע שיינע מינדעל האט מען אוועק גיגעבין איין אנדערן! און מען איז נאך אזוי פרעך און

מען

מען לאדעט מיך אויף דער חתונה, דאס הייסט מיר נאך צוא קרענקען. פאר וואס קומט דאס מיר? מיט וואס האט מען דאס געפונען אז דער שידוך איז בעסער פאר מיינעם?

געוויס איז דער שידוך בעסער, זאגט שמעיה תנחום; דען דא פארדין איך צוויא הונדערט רובל און פון אייך האב איך אקאפיקע ניט פארדינט.

א גזלן, רצחן! האט הימן אויסגעשריען און האט שמעיה'ן אנגעחאפט פארן בארד: דוא האסט מיר אנגימאכט דעם גאנצין אונגליק!... גזלן, איך וועל דיר איין צאן ניט לאזען אין מויל.

מיט מיין בארד טהוט וואס איהר ווילט, שרייט שמעיה תנחום אונטער הימן'ס הענד; נאר מיינע ציינער לאזט מיר, זעהט, איך וועל קיין טייגלעך ניט קענין עסען, און איהר ווייסט דאך, מיין פריינד, ואז בייא אשדכן איז דאס דער גאנצער אייגענם, וואס ער קען אמאל אבעסין אומזיסט.

פיאניצע, שרייט הימן, דוא האסט דאך מיר געקוילעט, און מאכסט זיך נאך גלייכוועלטלעך מיט מיר.

וויא הייסט עס געקוילעט! אגוט יאהר אויף אייך, וואס רעדט איהר? וואס האב איך אייך געטאן? גיזאגט אפאר ווערטער, ווייטער גאר נישט.

אקלייניגקייט אפאר ווערטער, זאגט הימן מיט אביטערן זיפץ, אז מען האט מיך אויס געבראקירט און איך פארליר אזא כלה.

ה ה ה! וועגין אכלה דאגט איהר, לאכט שמעיה תנחום. אשיינע דאגה חלעבען, קען אזאוואדציק זארגען, וואס ער האט קיין טרונק בראנפען ניט, אז ער האט טוגען מיט שפירט וויא בלאטע? אדער קען אגבאי פון חברא קדישא זארגין, וואס ער האט קיין קבר ניט, אז דער גאנצער בית עלמין איז זיינער, ער קען זיך לייגען וואו ער וויל, — אזוי דארף איינגער מענש זארגען וואס ער האט קיין כלה ניט, ה ה ה כלות גיב איך אייך צעהענד־ליקען ווייס, טוצענווייס. אט וויא איהר זעהט מיך אאידען... בייא מיר איז אקוואל, איך קען אייך שעפען כלות עמערס ווייס, קאדקעס ווייס, צעבערס ווייס, אט בפועל ממש, אט וויא איהר זעהט מיך אאידען. והראיה אז איך האב אויס געפיהרט אסך שידוכים, גיט אקוק אויף מיין בארד, זעהט וויא שיטער זיא איז...

ווײלע פון יעדער שידוך, וואס איך האב אויס געפיהרט, האט מען מיר אלס געפליקט מיין בארד אן רחמנות, — פארשטײט איהר שוין, וואס פאר אשדכן איך בין. לכן דארפט איהר זארגען וועגען אשידוך, אז איהר זײט אונטער מיין שוטץ? הא?... שא, ווייל, וויא איך בין אאיד! עס איז שוין דא! גיט שמעיה תנחום אגעשרייא אונ אפאץ מיט דיא הענד... איך האב פאר אייך אכלה אצאצקע... אפלוים! הההה אצימעס! היחיחי!

הימן איז ארום גיגאנגען איבערן צימער צוקאכט אונ האט ניט געאכטעט אויף שמעי׳ס רייד. צו דיא לעצטע ווערטער גיט ער אגעשרייא: שטיל שיכור!

הערט, הערט אקארשט אוים, איך האב פאר אייך אכלה אבריליאנט... אמוצא מיט האניג... חלעבין! פראסט אמחי׳.

וואו שטייט איין יעגער חתן, דער... מאיר ווייסבערג? פרעגט איהם הימן.

אבער הערט מיר אויס דעם שידוך. זאגט שמעיה.

וואו שטייט איין מאיר וויסבערג? פרעג איך דאך אייך. שרייט הימן.

אבער אז איך וועל ניט זאגען הההה.

דוא וועסט ניט ארויס פון דאנען אלעבעדיגער, זאג איך דיר. דוא הערסט שמעיקע? שרייט הימן אים ווייזענדיג דען פויסט אונ שקריענדיג מיט דיא צײן.

איך וועל אייך זאגען, נאר שלאגט מיר ניט... ער וואהנט אין גאסטיניצא אראל...

נו גייא אהיים שמעיה.

איז ווען זאל איך קומען, מכח דעם שידוך? פרעגט שמעיה תנחום.

קיין מאל ניט! ארויס! שרייט הימן.

וואס? איהר ווילט גאר ניט חתונה האבין? הה! וויא עס בייט זיך דאס בייא אמענשין דיא נאטור: ערשט האט ער גיוואלט חתונה האבין, עס האט גיברענט, אונ איצטער וויל ער שוין ניט.

ארויס פון דאנען! זאג איך דיר, זאגט הימן אים פיהרענדיג פארן האנד.

היינט פון אבענד וועל איך קומען צו אייך מכח דעם שידוך,

פטפו! וואס רייד איך? היינט איז דאך די חופה וועצערע. מארגען אי"ה וועל איך געווים קומען, זייט רוהיג.

עס וועט זיין פארשפארט דיא טהיר. זאגט הימן.

נו וועל איך גיין מיט דעם פאראדנעם חאד. איך וועל אנקלינגען, אונ איהר וועט מוזען עפענין, ווארום איהר וועט דאך ניט וויסען, אז איך בין עס.

גייא שוין, גייא!

הערט, זאגט שמעיה, קענט איהר מיר ניט געבין דער ווייטע אפינפרובעלדיגען איין אויפגאב אויף דעם שידוך, וואס איך רייד אייך?

ארויס! גענוג דיר שוין מיך צו קוועלען.

הערט, גיט מיר חאטש אביסל בראנפען פארן אוועק גיין; עס איז מיר טרוקען געווארען אין האלז ריידענדיג מיט אייך, חלעבין.

דא האט איהם הימן ארויס געשטופט פון נומער אונ פערשפארט דיא טהיר.

3.

שנאת חנם.

וויא הימן איז געבליבען אליין אין צימער איז ער געוועזען פון אנפאנג וויא צוא טומילט איינינע מינוטען, נאך הער וויא ער איז גיקומען צוא זיך, האט ער גינומען לויפין האסטיג איבערין צימער הין אונ הער, האט זיך געריסען דיא האר פון קאפף, — שטייטש! שרייט ער, מיך האט מען אויס גיבראקירט, מיין מינדלען האט מען אוועק גיגעבין איין אנדערין, אונ איך האב פארלארין אזא זיסען לעבין אוי ווי! וויא האלט איך דאס אויס? היינט נאך האב איך גיהאט אזא זיסע האפענונג, עס וועט זיין מיינע גליקליכע תנאים, מיין חתונה, וועל לעבין גליקליך מיט מינדלען, — מיט אמאל איז גיווארין צו אש אללע מיינע זיסע האפענונגען, מען האט מיך פאר שטויסין מיך פערהאסט, פאר וואס? וואס האט מען צוא מיר?.. אזו נידערטרעכטיג צו בעהאנדלען אזו געמיין! אוי אוי אוי! גאט וויא האלט דאס אויס!... נור, פיליכט האט דא דער פיאניצע אנגעפלוידערט וויא דער גייט מען דאס!... זאל איך אריבער פאהרין צו ראזענ-

שטאק, טאמער איז דאס אמת, וועל איך דאך זייא גלייך אין דיא אויגען ניט קענען קוקען, שטייטש! אזא בעליידיגונג! אקליינינקייט...
יע, איך וועל אקארסט אריבער פאהרען צו מיין סאפערניק, דא וועל איך שוין ערפאהרען דיא זאך אויף קלאר... א א, עס שפאלט מיר פראסט דער מוח, איך האב זיך אזו גליקליך גישעטצט, און היינט בין איך אזו נידער גישלאגען...

ער נעהמט דען הוט, מאנטעל, פארשליסט דעם נומער, לויפט אראב, נעהמט איין איזוואטציק און הייסט זיך פיהרען אין גאסטיניצע אראל, האט גיפרעגט דעם נומער, וואו מאיר ווייסבערג לאזירט, מען ווייזט איהם, ער גייט צו, דיא טהיר איז גיוועזן האלב אפען, מאיר ווייסבערג איז גיזעסן ביין טיש און האט געשריבען, עס האט זיך גיזעהען דער פראפיל פון זיין געזיכט.

וויא הימן האט אים אקוק געטאן, האט ער זיך גיגעבין אוואריף צו ריק, האט אויס גישטעלט דיא הענד פון שרעק. — וואס זעה איך, זאגט ער צו זיך, יאקאב! פונקט דער יאקאב, וואס איך האב געזעהען אין וואגאן! ווייסבערג האט בעמערקט זיינע בעוועגונג, שטעלט זיך, גייט אים ענטגעגען און פרעגט איהם העפליך; וועמען ברויכען זייא, מיין הער?

הימן שטייט נאך אימער צו טומילט און וויים אליין ניט, וויא ער זאל מיט איהם אנפאנגען.

וועמען האבין זיא נאטהיג? מיין הערר, פרעגט איהם ווידער ווייסבערג.

זיא זינד הערר מאיר ווייסבערג? פרעגט איהם הימן שטאמלענדיג.

שטעהע איהנען צו דינסטען, מיין הערר, ענטפערט איהם ווייסבערג.

איהר זינט פריילין ראזענשטאקס חתן?

קאן דיא עהרע האבין, זיא מיין הערר אונבעקאנטער ווייזע הייטע צו מיינע טרויאונג איין צו לאדען.

מיין נאמען איז מאיר ווייסבערג.

זייא זיינען געשטאנען אין ליבעס פערהעלטנעס מיט איינעם פריילין?

וואצו זאלבע אונטער זוכונג? פרעגט ווייסבערג עטוואס רויט

הערענדיג אדער פון כעס אדער ווייל ער האט ווירקליך געליבט איך פערשטייא אייך ניט מיין הערר, וואס פערלאנגט איהר?

דאס איז ער געווים טראכט הימן ביא זיך, ער איז עפעס גיוועזן צו טומילט, דאס איז דער זעלביגער בעטריגער, וויינינג וואס ער האט בעטראגען דיא אונגליקליכע טייבעלע... איז ער נאך געקומען אוועק נעהמען פרעמדע כלות, א דער מערדער! — איהר זאלט וויסען, רופט ער זיך אב הויך, איהר זאלט וויסען, הערר וויסבערג, אז איך בין גיוועזן פריער פריילין ראזענשטאק'ס חתן.

אזו זאגט וויסבערג, האט איהר אבגעלאזען דעם שידוך; קען איך ניט וויסען ווארום?

ראזענשטאק האט מיר זייער נידערטרעכטיג בעהאנדעלט, זאגט הימן מען האט מיר געשריבן איך זאל קומען אויף תנאים מיט אמאל...

נו? איז וואס גיוועזן?

האט איהר מיר איבער געשלאגען.

איך אייך איבערגישלאגען! זאגט וויסבערג מיט פערוואונדערונג, אז איך האב ניט דיא עהרע אייך צוא קענען, און האב אויך ניט גיוואוסט, אז פריילען ראזענשטאק האט געזאלט ווערן אכלה מיט איין אנדערין, מען האט מיר פארגישלאגען אפארטיא, זיא איז מיר גיפעלין, איך בין איהר גיפעלין אט האט מען גישלאסין די פארטיא.

איהר זייט איהר גיפעלין! שרייט הימן מיט כעס, א דיא פרויענצימער!

וואס וואונדערט איהר זיך? איך זאל טאן אשידוך, וואו איך זאל ניט זיין גיפעלין? דאס טוט מען ניט איצטיגע יאהרען.

מיר איז אריין גיפאלין אגליקליכער גידאנקע, טראכט ביא זיך הימן, איך וועל זיך מיט איהם אברעכענען. — הערט, הערר וויסבערג, זאגט ער הויך; איך פערלאנג פון אייך איין זאך.

אויב איהר פערלאנגט צו זיין ביא מיר אויף חתונה, זאגט מאיר, זא וועט איהר זיין מיין בעסטער גאסט.

גלייכווערטליך גייט ביא מיר איצטער ניט, איך מיין אים ערנסט, זאגט הימן; איך פערלאנג איהר זאלט זיך אבזאגען פון שידוך.

איך הער ניט, וואס איהר זאגט; קענט איהר מיר ניט איבער זאגין? איהר זאלט זיך ענטזאגין פון דער פארטי, זאגט הימן אין וואוטה. הא הא! אויב איהר זייט אראב פון זינען, מיינט איהר דארף

איך

איך זיין משוגע? ווער זאגט זיך דאס אב פון אשידוך, ווייל דער צווייטער וויל? ... גייט שלאפט זיך אויס, מיין פריינד; איהר זייט זייער בעוועגט, הערט איהר ניט וואס איהר רעדט.

איך זאג אייך, איהר זאלט ניט טאן דעם שידוך, זאגט הימן ענטשלאסען.

ווילט איהר ניט גיין מיט מיר אפען דועל? איצטער איז אויס מאדע אזעלכע דומהייטען.

איך זאג אייך נאך אמאל; דיא פארטיא וועט אייך ברייגען פיל אונגליקען.

הייכט עס, ווילט איהר מיר אבהיטען פון אונגליקין אדאנק אייך.

איך וועל אן אייך ראבע נעהמען; איהר זאלט זיך היטען פאר מיר.

אנאר האט מורא פאר שטראסונקעס, און אנאר שטראסעט, זאגט ווייסבערג קאלט בליטיג.

איהר וועט זעהען, וואס אנאר קען, זאגט הימאן נעהמענדיג דען הוט און ארויס גייענדיג.

וואס אמשוגענער ניט קען! זאגט פאר זיך ווייסבערג, אז הימן איז געוועזן ארויס געגאנגען, מיט וואס פאר אווילדין פלאן ער איז דאס געקומען ה ה ה! דער מענש מוז זיין העכסט דום אדער וואהנזיניג, אדער גאר בערוישט פון פערדרוס; יא עס מעג טאקע פארדריסען פריילין ראזענשטאק איז אשארמאנטעס קינד, און איך בין דער גליקליכער, אז איך האב איהר בעקומען, און פאר איהם וואס ארט עס מיך? דער נאר ער מיינט מיט דרייאונג וועט ער וואס ווירקען, ער פאר שטייט גאר ניט, אז איך בין ניט פון יענע נארען, וואס לאזין זיך אבשרעקען פאר אנארישען שטראשונאק... איך זאל איהם אבטרעטין מיין כלה! וויא משוגע דאס איז! גייא יונגער מאן, טוא וואס דוא ווילסט, און פריילין ראזענשטאק איז מיינע.

4.

דיא ערטרונקענע.

וויא הימן גרינוואלד איז ארויס געגאנגען פון אטעל אראל האט

ער זיך גילאזט לויפען איבער דיא גאסען וויא וואהנזיניג. פיל מענשין האבין זיך אבגישטעלט קוקען אויף אידם, אזו אויפפאלענד איז ער גיוועזן פאר יעדען. פלוצלונג האט ער זיך אבגעשטעלט אזו וויא ער וואלט קומען צו זיך. — וואס הייבט מען אן צו טאן יעצט? יעצט איז שוין קלאר וויא טאג, אז דער שמעיקע האט אמת גיזאגט; מיין כלה האט מען אוועק גיגעבין איין אנדערן. ווער איז דער אנדערער? דער נידערטרעכטיגער יונג, וועלכער האט איין ארעמע יתומה בגזלת און אונגליקליך געמאכט. מיט מיר איז יעצט ניט גוט, אבער מיט דער ארעמע יתומה איז נאך ערגער; ווער ווייסט, וואס מיט איהר טהוט זיך יעצט... א עס שפאלט מיר דער מוח, וואס דא טהוט זיך אב!... וועלכע מערדערייא עס קען געבין אויף דער וועלט! און מיט וועמין טוט זיך אזא מערדערייא? מיט מיר. וואס טהוט מען יעצט? לאזען דיא זאכע אונבעשטראפט — פארדריסט מיך ניט אזו פאר מיר, וויא פאר דער ארעמע יתומה. קורץ, איך מוז איהר אויפזוכען, און דאן וועל איך זעהען.

ער האט זיך געלאזט געהן צום וואגזאל, אום דארטען אין דיא ערשטע אכסניות נאך איהר נאך צוא פרעגין. גייענדיג פאר בייא טייך, דער זעהט ער פון ווייטען אטאלפא מענשין, וועלכע וואכסט גרעסער און גרעסער. ער וואלט אויך וועלין צו געהן, נאר ער האט קיין צייט ניט. ער בעגעגנעט איינעם, פרעגט ער בייא איהם וואס איז דאס פאר אזא געלאף?

פטור, גאר נישט, ענטפערט ער איהם. עפעס אפיאניצע צו אמשוגענע האט זיך געוואלט טרינקען. האב איהר אשווארץ יאהר! און מיט דיא ווערטער איז ער אוועק גיגאנגען.

עס האבין זיך בעגעגנעט צווייא ווייבער. — וואס איז דארטען פאר אגעלאף? פרעגט איינע בייא דיא אנדערע, וואס איז דארטין קאמעדיע? מען מאכט קונצען?

יע, חלעבין, היבשע קונצען, ענטפערט דיא אנדערע, אויף אלע רשעי ארץ גיזאגט געווארין אזעלכע קונצען, עפעס אמיידעל אהולטייקע איז אריין געפאלען אין טייך, אדער האט דאס גיטאן מיט אבין, אשיינע ריינע כפרה; וואס האט געוואלט זיין אלע אידישע טעכטער זאל אוים גיין צו זייערע קעפף.

יע יע, איהר זייט גירעכט, רופט זיך אב דיא אנדערע, אט איבער אזעלכע הולטייקעס איז מען מאקעוו דיא קולע (מעכב דיא גאולה), אשפאס, וואס איצטיגע יאהרען טהוט זיך! מען האט אזו גיבראכען אן גאט, אזו פאר געסין אן זיין תורה, אז דער אויבער־שטער זאל משמר ומציל זיין, — נו וואס? מען האט איהר ארויס גענומען?

הלוואי וואלטען איהר אזו ניט ראטעווען, וויא מען האט איהר יע געראטעוועט, זאגט יענע, עס וואלט גיוועז אויף מיר, וואלט איך איהר נאך מעהר אריין שטופען אין וואסער אונ לאז זיא זיך טובל זיין פאר אלע הולטייקעס, וואס גייען ניט אין וואסער אונ וואס גייען מיט אייגענע האר.

פון וואנען ווייסט איהר, אז זיא איז אהולטייקע? פרעגט זייא הימן, וואס האט איינגעהערט זייער גישפרעך; דען עס האט איהם זעהר אינטערעסירט.

מען פארשטייט ניט? וואס? רופט זיך אב איינע פון זייא, אז אמיידעל טרינקט זיך, איז מסתמא מיט איהר ניט גלאט. הערט, מען פארשטייט דיא מעשיות.

האב אייך אשווארץ יאהר! זאגט הימן. מען דארף אקארשט לויפען זעהען וואס דארטען איז. דא מוז זיין זעהר אטרויעריגע ער־אייגניס. מיט דיא ווערטער איז ער צו גיגאנגען. ער זעהט אפען ברעג אונ אויף אפליט שטייען אסאך מענשין, ער שטייסט זיך דורך דיא גידרענגע, ער זעהט אפרויענצימער בלאס אונ בלא, דיא קליידער דורך גענעצט, עס גיסט זיך פון איהר וואסער, דיא האר פאנאנדער געלאזען. צווייא מענשין האלטען איהר, אונ זיא רייסט זיך פון זייא אונ שרייט: לאזט מיר! לאזט מיר זיך שוין בעפרייען פון דיזער מערדערישע וועלט... לאזט מיר גזלנים, וואס ווילט איהר האבין פון מיר? אט איז מיין מלאך, וואס וויל מיך רעטען ער האלט אויס גישטרעקט זיינע ארמען, ער וויל מיך פריינדליך אויפנעהמען אין זיינע פלוטען!

זיא איז משוגע! רופען זיך אב אייניגע. וואס האלט מען איהר? לאז זיא גיין אין אלע העלען, ווער דארף דא משוגעים?

זיא איז אונגליקליך זאגען אנדערע, אונ אויב זיא איז משוגע, דארף מען דאך בערעכנען, אז דאס שטאמט פון איין אונגליק;

דארף מען דאך איהר בעדויערן חאטש.

הימן איז צו געגאנגען האסטיג אונ גיט אגעשרייא: וואס זעה איך! טייבעלע! דיא אונגליקליכע יתומה!... יעצט איז מיר שוין אלעס קלאר!

ער איז צוא געלאפען, האט איהר גינומען פאר'ן האנד אונ זאגט: טייבעלע זייא דאך רוהיג, זעה איך בין דיין גוטער פריינד, בין גיקומען דיך רעטען.

הא, וואס זעה איך! רופט זיא זיך אב קומענדיג צו זיך. א מיין פריינד, מיין פריינד! מיט דיא ווערטער איז זיא אים געפאלען אפען פלייצע אונ האט אנגעהייבען צו וויינען.

נא דיר אוועק, רופט זיך אב אאידינע פון טאלפא. וואס הולטייקעס ניט קענין, אז מען זעהט דעם געליבטען ניט אהאלבע שעה גייט מען זיך טרינקען, אונ אז ער קומט, צו האלזט מען זיך אונ מען צוקוקט זיך פאר אלעמין אין דיא אויגין. א גאטינקע קוק אראב פון אויבען אונ זעה וואס דייגע רשעים טוען. זייא האבין נאך גידארפט איהר אבראטיוען אניטיגע מעשה, אז ניט וואלט ח"ו גיוועזען ווייניג חטאים אויף דער וועלט, אויף זייער קאפף דיא עבירה, וואס זייא האבין געטאן, ליבער גאט! בין איך ניט גירעכט, ווייבערליך?

אודאי, אודאי רופען זיך אב נאך אייניגע ווייבער, אשפאס, וואס דוואשע גאלדע רעדט איז דאך טאקע גילדענע ווערטער. קומט ציפינקע אוועק פון דאנען זאגט איינע פון זייא, איך קען אויף דיא רשעים ניט קוקען. הערט דארפט איהר ניט אפאר געגז, האב איך פאר אייך היילע שמאלץ, איך האב נעכטין אוועק גיטראגען אפאר טולקעס צו היגדע וויכנע אבעלעס. לעקט זיא נאך דיא פינגער עד היום פון זייא; אט וויא איהר זעהט מיך אאידישע טאכטער, איך שווער אייך בייא מיין גרשון'ס בארד אונ פיאות; וואס דארפט איהר מעהר?... איהר זעהט? איהר זעהט? גרונינקע, קריינעלע, הארצעלע, איהר זעהט, וואס דער יונגאץ האט גיטאן, ער האט זיך גיזעצט מיט איהר אויף איין איזוואסציק אונ איז אוועק גיפאהרען. נו גוטינקער גאט! טאטע דער בארעמיגער, וויא קענסטו צו זעהען אזעלכע חטאים אין מיטען העלען טאג... לאמיר רייסען קריעה ווייבערליך אויף אזעלכע

צרות, וואס מיר האבין דער לעבט.

הימן האט ווירקליך גינומען איין איזוואסציק אונ איז אוועק גיפאהרען מיט טייבעלען צו זיך אויף זיין קוואטיר, האט אב-גינומען איין אפארטמען ציממער פאר איהר, האט גיהייסען אריין טראגין פאר איהר וויין, טייא, ביסקווי. זיא האט גינאסען אונ האט זיך געפיהלט עטוואס שטארקער, ער האט גיוועלט שיקען נאך אדאקטער האט זיא ניט גילאזען. אז זיא איז גיווארען עטוואס שטארקער בייא זיך אונ רוהיגער, רופט ער זיך אב: יעצט טייבעלע, קענט איהר מיר ניט זאגין, וואס טהוט זיך מיט אייך; וויא אזוי קומט איהר צוא אזא דומהייט, נעהמין זיך דאס לעבין אין דיא רעכטע בליהענדע יאהרען.

וואס זאל איך אייך פיל ריידען, ליבער פריינד, זאגט זיא; איהר ווייסט דאך מיין טרויעריגע געשיכטע, אז מיין מעדער האט מיך אוועק גיווארפין. איך בין נאך גיוועזן אזוי דום, אז איך האב גימיינט, פיליכט וועט ער נאך קומען. איך בין ווירקליך אריין געפאהרין אין דיא ערסטע אכסניא נעבין וואגזאל, בין גיגאנגין צו יעדער פאיעזד אפען וואגזאל איהם בעגעגנען; נור אומזאנסט. דער גזלן איז ניט גיקומין. היינט שטעלט אייך פאר מיין לאגע; בין אין אפרעמדע שטאט, האב קיין בעקאנטשאפט ניט, האב קיין קאפייקע געלד; וואס טהוט מען? דיא גאנצע צווייא טעג האב איך ניט גיגעסין, דען איך האב ניט מיט וואס צו בעצאהלין, בעטין נדבות קען איך ניט, אט בין איך אוועק צום טייך אונ האב מיר גיוועלט דאס לעבין נעהמין.

וואס האט איהר זיך פארגעסין אן מיר, פריילין? זאגט הימן ווארום האט איהר ניט גיזעהן מיך אויף צו זוכען. איך בין בערייט אייך צו העלפין מיט לייב אונ מיט לעבין.

דיא ווארהייט צו זאגין, איך האב זיך ערינגערט וועגין אייך; גאר נאך הער אז איך האב גיזעהן איהר קומט ניט, האב איך גירעכינט, אז דיא וועלט דארף זיין אזוי. אז דער מענש, וואס האט בייא מיר אוועק גינומען מיין עהרע אונ מיין געלד, האט מיר גיקענט אזוי אבשייליך בעהאנדלען; היינט וואס קען איך ערווארטין פון אין אונבעקאנטין מענשין, וואס איך האב איהם נאר איין מאל גיזעהן.

וואס האט איהר ניט פרובירט זוכען זיך וואו אשטעלע צוא

שניידערירען

שניידערירען, אדער וואס אנדערס? אלס איז דאך דאס בעסער ווייא צו גיין טרינקען זיך.

איך האב דאס אויך געטאן, מיין פריינד; זאגט זיא מען האט מיר אבער איבעראל אוים גילאכט אונ געוויזען דיא טהיר. איך האב פערשטאנין, אז איבער מיין טרויעריגע לאגע וויל מען מיך אין קיין הויז ניט אריין לאזען. מיין גזלן האט מיך אונגליקליך גימאכט גאר אין גאנצין. — דא האט זיא זיך ביטער פאנאנדער געוויינט.

איך פארשטייא, איך פארשטייא, זאגט הימן. נאר וויינט ניט טייבעלע. איך וועל אייך זיין דער טרייעסטער פריינד; נאר זייט רוהיג אונ שטארקט זיך.

ביא דיזע ווערטער האט זיך גיהערט פון יענער זייט טהיר אגעשרייא; אוי! אונ אפאץ מיט דיא הענד, גלייך דארויף האט זיך גיהערט טריט אראב לויפענדיג פון דיא טרעפפע.

הימן אונ טייבעלע האבין זיך ערשראקין, קוקען זיך ארום, וואס קען דאס זיין? ווער האט דא גיקענט אגעשרייא טאן? הימן האט גיעפינט דיא טהיר, ער זעהט, עס איז קיינער ניטא, איז ער אריין גיגאנגין צוא ריק אונ זאגט: איך האב נישט בעמערקט, ווארשיינליך האבין דא דיא מענשין גישאקערט (געשטיפט) צווישען איינאנדער; עס איז ניטא דארויף וואס צו אכטען. קורץ לאמיר דאס אוועק לייגען. הערט פריילין, וואס איך וועל אייך פרעגין. וויא געפינט איהר זיך יעצט אין געזונד?

איך פיהל מיך געזונד, זאגט זיא נאטירליך איך בין זעהר בעוועגט פון גראם, פון גרויסע צרות, אבער וואס דיא געזונדהייט בעטריפט, פיהל איך קיינע שוואכקייט.

הימן האט גענומען ארום געהן האסטיג איבערן צימער, האט זיך געביטען אין געזיכט אין אלע קאלירען, האט גיגלאטצט מיט דיא אויגען, געשקריעט מיט דיא ציינער.

איהר שיינט מיר יעצט זעהר בעוועגט צו זיין, מיין פריינד, זאגט טייבעלע.

איך בין ווירקליך זעהר בעוועגט, איך בין העכסט אויפגע-בראכט; איך האב היינט גיזעהן מיינעם אשונא. אפיינד וואס האט מיר אוועק גערויבט מיין גאנצעס לעבין, האט מיר צעריסען מיין גאנצעס שיקזאל. היינט איז ביא איהם זיין פריידענטאג,

וועלכען ער האט פון מיר ארויס געריסען.

אלזא איהר רעכינט איהם וואס צו טאן? פרעגט טייבעלע.

איך רעכין אן איהם ראכע צו נעהמין, אונ איך האב דאצו ווערקציינגע אויך. מיט דיא רייד האט ער ווייטער גינומען גיין האסטיג איבערן צימער צעהן מינוט. אין צימער וואר שטיל. טייבעלע האט נאר געקוקט אויף זיינע בעוועגונג, אונ האט גיווארט וואס וועט דא אויס ברעכין. ענדליך שטעלט ער זיך אב נעבין איהר, נעהמט איהר פארן האנד אונ זאגט: פריילין, איהר האט כח אונ קראפט צו הערין שרעקליכע ווערטער?

איך בין ענטשלאסין אלעם צו הערין, זאגט זיא, זיך פעסט אנידער זעצענדיג.

איהר זאלט ויסען, אז מיין שונא איז אייער שונא. זאגט ער קוקענדיג איהר אין געזיכט.

מיין שונא? פרעגט זיא העפטיג בעוועגט. איך האב קיין אנדער שונא וויא יאקאב.

דאס איז ער זאגט הימן ענטשלאסין.

יאקאב איז היא! גיט זיא אנוואלדיגען געשרייא. איהר האט איהם גיזעהן? וואו? ווען? פיליכט איז ער דאס געקומען טאקע צו ליב מיר, וויא ער האט מיר פערשפראכען. א אומזונסט האב איך איהם פיליכט בעשולדיגט.

איהר האט אטעות פריילין, ער איז געקומין יע צו ליב אפריילין, אבער ניט צו ליב טייבעלען, נאר... צו ליב אפריילין, וואס הייסט מינדעל.

וואס רעדט איהר? פריינד! גיט זיא אגעשרייא אראפ שפרינגענדיג פון בעט, אויף וועלכע זיא וואר גיזעסין. זיא איז גיווארען בלא פון וואוטה; זאגט מיר, וואס איז דא? איך חאלעש.

יאקאב אייער געליבטער, אדער בעטריגער, האט אנגעהייבין הימן געציילטע ווערטער: יאקאב איז געקומין אהער חתונה האבין, ער האט חתונה מיט מיין כלה, וועלכע ער האט בייא מיר אוועק גערויבט. אונ היינט איז בייא איהם דיא חופה.

אי אי! האט טייבעלע גענומען שרייען אונ ברעכין מיט דיא הענד אונ רייסען זיך דיא האאר פון קאפף. דער גזלן, דער מערדער, וואס האט מיר אוועק גערויבט מיין געלד אונ מיין עהרע,

האט

האט מיך אוועק גיווארפען אין דער פינסטערער וועלט אין דער שטירמישען עלענד איינע אליין! אונ ער קען נאך האבין אין זיך אזא פרעכהייט, אזא אונגעהערטע מערדעריי צו הייראטען איינע אנדערע אין דער שטאט, וואו איך זיין אפפער גייא ארום שמאכ-טענד אונ עלענד אין הונגער אונ אין נויט. א גאט! וויא האלט איך דאס אויס!

זיא האט זיך ביטער פאנאנדער געוויינט. הימן איז געשטאנין צום פענסטער פערזונקען אין טיפע געדאנקין. — א מיר ארעמע פרויענצימער, זאגט זיא ווייטער וויא אונגליקליך מיר זיינען, יעדער לייבאק, יעדער נידערטרעכטיגער יונג טרעט אונז מיט דיא פיס, שווינקט זיך אין אונזער בלוט אונ מיר זיינען אזו שוואך, מיר קענין זיך אן זייא ניט רעכען, מיר קענין זייא ניט בעלאהנען אטויזענדסטע טהייל, וואס זייא טוען אונז! — מיר ארעמע שעפכען, מיר ווייסען ניט פון קיין שלעכטעס, מיר ווייסען ניט פון פאלשקייט, פון מערדעריי, הערין מיר מיט פערגניגען זייערע זיסע רייד, מיר גלויבען אל דאס גוטעס, וואס זייא פערשפרעכין אונז, אונ דאדורך ווערין מיר זייער אפפער, דאס ארעמע שעפעלע לאזט זיך פריער שערין זיינע וואלע אונ נאך הער לאזט עס זיך געדול-דיג פיהרען צום שלאכט באנק. ער וועט הייגט שטיין שטאלץ אונ פערגניגט אונטער דער חופה אונ וועט זיך טייוועלס אויס לאכין איבער דעם ארעמין ווערימל, וואס רופט זיך טויבע, וועלכן ער האט צערטראטין אונ צו ריבען. א גאט! גאט! וואס פאר אשלעכטי וועלט דוא האסט בעשאפין.

זיא האט זיך ווידער פאנאנדער געוויינט אויף איינינע מינוטען, נאכהער רופט זיא זיך אב: פיליכט מיין פריינד האט איהר אטעות? עס גלויבט זיך מיר ניט אזעלכע מערדעריי, דאס קען אויף דער וועלט ניט געבין. פון וועמין האט איהר דאס גיהערט?

איך האב איהם אליין גיזעהן, זאגט ער קאלט בליטיג.

נו גלויב איך אלס... זאגט מיר וואו ער איז, איך וועל לויפין צוא איהם, איך וועל שרייען, אונ וועל לארעמען; איך מוז איהם ניט צו לאזען אזו לייכט צו זיין גליק, אונ מיט דיא רייד האט זיא זיך געלאזט לויפען, הימן האלט איהר אב אונ זאגט; הערט אויף פריילין, איהר זייט נאך צוא שוואך, עס קען אייך פאר שאטען,

בערוהיגט אייך.

הה הה! לאכט זיא ווילד, מיר פערשאטין, וואס רעדט איהר? ווער האט דאס מורא אטויטען קערפער זאל פארשאטין, איך בין טויט, איך בין צערטראטען, צו ריבען אויף אש, מיין לעבין איז אויס... פאר מיר איז נימא קיין פערשאטען... לאזט מיר, ליבער פריינד, לאזט מיר זיך אן איהם רעכען, זיין לעבין זאל ניט בליהען איבער מיינע רואינען (חורבות).

איהר ווייסט דאך אבער ניט, טייבעלע וואו ער איז איצטער.

יע, איהר זייט גירעכט, זאגט זיא, איך בין אזוי צערשטערט, אז איך ווייס ניט וואו איך בין אין דער וועלט, טא זאגט זע מיר, וואו געפין איך מיין גזלן, מיין מערדער.

הערט, טייבעלע, וואס איך וועל אייך זאגען; אז איך וויל אפילי זאל אויף שפעטער צו בראכען ווערין, איז בעסער מען זאל איהר ווארפין פון אהעכערין ארט, איידער פון אנידעריגען.

וואס מיינט איהר דער מיט? פרעגט זיא.

איך מיין גאנץ איינפאך, זאגט ער; אז איהר ווילט אייער בעמריגער עטוואס טאן, טא טהוט איהם, ווען ער וועט זיין אין דער העכסטער גדולה, אין העכסטען טריאומפף, דאן וועט זיין אודאר טיפער אונ גיפערליכער פאר איהם; איהר פארשטייט?

איך פארשטייא גאנץ גוט, זאגט זיא, איך וועל פאלגען אייער ראטה, מיין פריינד.

אבער דאצו מוז מען פיל מוטה האבין פריילין.

פאר אמענשען, וואס דאס לעבין באטרעפט ניט, איז אלעס מעגליך, איך האב זיך ניט פאר דער וועלט צו זעגירען; פאר מיר איז דיא וועלט אויס.

נו גוט, טראכט הימן בייא זיך, מיט דעם קלאפ, וועל איך זיין אבגערעכינט פאר מיינע באליידיגונג אויך, ראזענשטאק האט מיר גיטאן, יאקאב האט איהר געטאן, זא וועט זיין מיט איין קלאפ אראכע פאר זייא ביידען, לאזין זייא וויסין, אז אבאליידיגונג גייט ניט גלאט פאר איבער.

נאך דעם האט ער זיך גיזעצט באדיינקען, וויא אזוי זיא זאל דיא ראכע אויס איבען.

5.

דער עקזאמען פון אשדכן .

מאיר וויסבערג , וויא מיר וויסען , איז געבליבען אויף זיין קוואטיר גאנץ רוהיג , אהנע צוא פעדאכטען , אז דא איז גיווארין אגאנצע פארדרייעניס , וואדורך עס וועלין פילע צו ליידין האבין , ער איז זיך גאנץ רוהיג אונ פרייליך איבער דעם גוטין שידוך וואס ער האט געטאן , אונ האט אלם געדיינקט אן זיין צוקונפטיגען גליק , וואס ער וועט געניסען צו זאמען מיט זיין פרויא , וועלכע ער האט אזו ליב בעקומען , איבער היממנס דרייאונג (שטראשען) האט ער זיך אוים געלאכט , — וואס קען ער מיר טאן ? טראכט ער ביא זיך , חופה אין איניגע שטונדען ארום אונ נאך דעם פאהר איך דאך גאר אוועק פון דאנען , וואס ? ער וועט נאך לויפען נאך מיר ? דומעס צייג !

עס גייט ארין שמעי׳ תנחום ווישט דיא הענט אונ זאגט אשר יצר .... קוקט זיך אום .

א גאר אטרוקענער טיש ! פע הלשות ! אז מען גייט ארין צוא אחתן , זאל מען ניט געפינען אטיש אנגישטעלט מיט בוטלען אונ מיט פארבייסין , פע , אויף נאמנות !

איהר זייט דאס אזו ניכטער ? פרעגט וויסבערג מיט אשמייכיל .

וואס איז שייך ניכטער , וויא הייסט עס ! אשדכן גייט ארין צו אחתן דארף מען איהם טראגין ענטגעגין וואס זיין הארץ גילוסט , אקלייניגקייט אשדכן ! הע ! איהר הערט וואס איך רייד ?

איך וועל באלד שיקען פאר אייך , ר׳ שמעי׳ תנחום , זייט רוהיג .

שיקען ! גיהערט שיקען ! עס דארף דאך זיין אנגעגרייט ביא אחתן , אקלייניגקייט ! זאגט שמעי׳ זיך זעצענדיג , וויא גיפעלט אייך ר׳ מאיר האב איך דאס הייגט אפיגסטערין שמיני עצרת , גאר ניט וויא אחופה טאג , איך בין פראסט אפערהאלעסטער ! ... שטייטם , איך פיהר אוים אזא ווילין שידוך , קום צו פאהרען מיט דעם חתן אונ איך מיין , מען וועט מיר שטאפען פון אלע זייטען , — מיט אמאל גייא איך ארום הירענדיג , מעהר וויא דרייא גלעזער בראנפין , האב איך הייגט אין מיין מויל ניסט גיהאט , יע נאך אהאלבין לעקאך מיט אפאר הערינג , ווייטער גאר ניסט , הערט אמעשה ר׳ מאיר ,

איך

איך זיטץ מסתמא היינט אין דער פריה ביין מחותן אט ביי איער כתריאל ראזענשטאק, ער האט אוועק געשטעלט אקאראפין אגרויסין אונ אפולען, איך זאג מיר שישו בני מעי אונ האב גינומען גיסען אזו וויא איך קען, איהר ווייסט דאך, מיט אמאל האבין שדים גיבראכט עפעס אשווארץ יאהר, האט גיבראכט אצעטעלע, דער מחותן האט זיך גינומען שושקען מיט דער ווייב, מיינע דאגות גיס מיר איין גלאז, דיא אנדערע אונ דיא דריטע, איך איך הער וויא מיין נשמה טאנצט אין מיר פון שמחה; עס איז טאקע גיוועז וואזנע שפריט.

נו, איז וואס גיוועזין? פרעגט וויסבערג.

יע, אים מהשבותן נעהם איך ריידין ארום שפריט פארגעס איך אויף אלעס... נוא איז זיך מיישב דער מחותן אונ שיקט מיר אוועק עפעס אין איין ארט; מיר האט זיך אפילו זייער ניט געוואלט גיין, נאר אמחותן הייסט.. איך בין אוועק געגאנגען, איך מיין; מסתמא וועט יענער עפעס האבין אוואזעניע צו מיין מאגען, — ערסט לא די וואס ער האט מיר ניסט גיגעבין מיינע ליפפען אב צו נעצין, האט ער מיר נאך געוואלט שלאגין.

פאר וואס עפעס שלאגין? פרעגט וויסבערג.

ווייס איך? ווייל איך האב איהם געזאגט; קיין תנאים וועט ניט זיין, ער זאל קומען אויף חתונה היינט; עס איז דא איין אנדער חתן.

א דאס איז דער סוחר!... איך קען איהם דעם משוגענעם...

נו איז וואס גיוועזן.

וואס זאל זיין? איך בין ארויס פון איהם קוים אלעבעדיגער... שאדען איך האב גיקענט פערדינען עטליכע רובל, אגאנץ וואזנער העכט אויף נאמנות... נאך דעם בין איך אוועק גיגאנגען ווייטער אין איין ארט מכבד מיינעם איין אינטערעס; דארטין בין איך ארויס אויך אטרוקענער, וויא גיפעלט אייך? נו גייא איך מסתמא ווייטער צום מחותן, אונ קלער מיר ביי זיך; דא וועל איך זיך שוין אב רעכענען פאר אגאנצען טאג, ווארום דארטין איז דא כל טוב, מען קאכט, מען בראט, — מיט אמאל געפין איך מען וויינט...

מען וויינט! גיט אגעשרייא וויסבערג, ווער וויינט? ווארום?

יע מען וויינט מיט טרערין, מען קלאגט אונ מען שיקט נאך

דאקטוירים

דאקטורים... הערט, שיקט אריבער נאך משקה, אויף נאמנות.

שטייטס; וואס רעדט איהר! ווער איז דארטען ניט געזונט? שרייט וויסבערג אויסער זיך.

שרעקט זיך ניט, ניט דיא כלה און ניט דער מחותן, און דיא מחותנתטע אויך ניט... גלאט אמיידעל, פון דיא מחותנים מסתמא, זיא האט געחאלעסט, נאר צו אונס איז דאס ניט שייך פאר שטייט איהר, איהר קענט שמעלא שיקען נאך משקה, ווארום איהר פאר שטייט דאך אליין, אז איך האב דארטין ניסט גענומען אין מויל איבער דיא סומאטאכע... דארטין איז אחורבן זאג איך אייך ר' מאיר, מען שיקט שלוחים אין דיא אפטייקען, מען רופט דאקטורים עס קעהרט.

אוי וויא איז מיר! וויא איז מיר! שרייט מאיר וויסבערג, וואס איז דארטין פאר איין אונגליק?

עס איז געווים איין אונגליק זאגט שמעי', איך האב מורא דיא קעכערקעס זאל ניט פערדארבען דיא גאנצע וועצערע חלעבין, איך ווארט שוין אויף איהר פון צוויא וואכען.

שטייטס איהר ווייסט אזא זאך און איהר האט מיר ניט דער ציילט, וואס איז שוין דארטען?

איך האב דאך אייך געזאגט, אז דארטען האט אמיידעל געחלעסט, ווייטער גאר ניסט, מען האט געוואלט אפילו צו ליב דעם אפליגען דיא חופה אויף עטליכע טעג.

שטייטס אב לייגען! וואס רעדט איהר! שרייט וויסבערג מען מוז שוין לויפין אהין.

מען האט געוועלט, נאר מען האט ניט אבגעלייגט, דען עס איז אשאדען דיא פיש מיט דיא פלייש.

צוא איז דאס ניט אקארסט פון יענע באבע, וואס דער אונבע־קאנטער האט מיר געשטראסעט טראכט וויסבערג ביי זיך, וואס האט ער געקענט טאן? איך מוז שוין לויפין... נאר גיין, עס פאסט ניט, איך וועל שיקען דא וועמען עס איז, מיט דיא ווערטער גייט ער ארויס.

ניט פאר געסט פון דעסט וועגין צוא זאגען מען זאל וואס אריין טראגין אהער אויף צוא בייסען שרייט שמעי' איהם נאך לויפענדיג.

באלד האט מען אריין געטראגען אבוטעל בראנפען מיט קוכען, שמעי' האט גינומען גיסען, נאך דעם איז אריין מאיר וויסבערג, — נו זאגט ער באלד וועל איך וויסען וואס דארטין טהוט זיך, איך האב אוועק געשיקט אמענשען מיט איין איזוואסציק, אך גאט מיין גאט, ווער ווייסט וואס דארטען טהוט זיך, איך בין העכסט אונ רוהיג...

עפעס שלעכטע משקה דיא, זאגט שמעיה; עס נעהמט גאר ניט... לחיים ר' מאיר!... פון דעסט וועגין איז דאס בעסער וויא גאר ניט, חלעבין... אט נא דיר שדכנות! האט ער גענומען ריידען צו זיך. דען מאיר איז גישטאנען צום פענסטער פארטראכט ווארטענדיג אויף דעם שליח. נאר שמעיה האט איהם גיוועלט עטוואס צערשטרייען. נא דיר שדכנות, זאגט ער, איך האב גימיינט פון אנפאנג, אז דאס איז דער בעסטער גישעפט: קעניין דארף מען גאר נישט, שרייבען אויף כפרות אונ לערנין אוודאי ניט; חתן אונ כלה דארף מען ניט קענין; וואס מען זאגט הערט מען, תאטס מען גלויבט ניט, אבער עס מאכט ניט אויס; דיא ערשטע גלעזיל טהייא, דיא ערשטע גלעזיל בראנפין איז דעם שדכנ'ס; וויא איך גייא אריין, דיא אינגלעך האבין מיך האלד, אונ דיא מיידלעך קוקען אויף מיר עפעס אזו פריינדליך, מען טראגט מיר אונטער דעם בעסטין שטוהל; אווארמעס, אוועצערקע קריג איך, זעדר אפט איין אומזיסטע, דער מאגען איז פול אונ עס קאסט אקאפיקע אויך ניט הה! ביין מחותן נעהם איך צוואנציג קאפיקעס אויף מארקעס צו בריף, אונ דיא כלה גיט מיר בשתיקה אהאלבין קערבל אויף מארקעס; דאס גיב איך אוועק דער וויב אונ זיא קאכט אויס שיטערע גרויפען פאר דיא קינדערליך, זייא זופען זיך אן אונ זייגען זאט. נו, איז דאס ניט וואוהל? היינט ווער רעדט, אז איך פיהר שוין אויס אשידוך, ווער איז מיין גלייכין? דאן שטייא איך מיט מיין חבור גשמי פיל העכער פאר אנדערע מחברים מיט זייערע חבורים רוחניים; דען זייא ניט אלע זייגען זוכה צו זעהן נחמה אן זייער ווערק; אנדערע וואלטין זיך פרייען, זייא וואלטין צרוים נעמין וואס זייא האט גיקאסט פאפיר אונ ליכט, וואס זייא האבין אויס גיבראכט בשעת זייא האבין אויס גיקוועטשט די לעצטע ביסל מארך פון קאפף, — אונ איך, מאטער

ניט מיין קאפף, עס קאסט מיר ניט פאפיר אונ ליכט אונ נעהם מיר אב מיין לאהן פאר מיין חבור גשמי אונ דער צו האב איך שיינע עטליכע מאל אנגעפיהלט מיין מאגען, הא.

א, רופט זיך אב ווייסבערג מיט אשמייכעל, איהר זאגט דאך עפעס פיינע גליך ווערטלעך.

לחיים! ענטפערט שמעיה זיך איינגיסענדיג אגלאז בראנפען אונ אויס טרינקענדיג. — ניט דאס איז אבער געלד וואס עס לייכט, זאגט ער ווייטער מיט אזיפץ. איצטער אז איך בין בפנים אין דיא שדכנות, זעה איך, אז עס איז גאנץ אנדערש, וויא איך האב גע־מיינט: מען ווערט אויס געריסען, איידער מען פיהרט אויס א־שידוך. היינט זיינען דיא שדכנים בעונותינו הרבים אזו נתרבה גיווארען, אז ווער עס קען אנאז ניט אויס שנייצען ווערט אשדכן. איך האב גימיינט, ווייל מען דארף נישט קענין איז גוט, ערשט דער פאר גופא נעהמט זיך איטליכער דער צו, ווער עס קען גאר נישט. איצטער איבער דיא גזירות ווערין נתמעט שיינקארעס, ווערין דער פון נתרבה שדכנים; פריער איז שדכנות גיוועזן נאר אין פראסטע הענד, היינט האבין זיך שוין גינומען גילערנטע אויך דער צוא, אז קיין שטעלין האבין זייא ניט; ארבייטען אב מיט דער זעלע 15—20 יאהר, נאך דעם גייען זייא ארום הונגערינדיג, נעהמין זייא זיך צו שדכנות. אז דער מאגען איז פול אונ דיא קאפף איז ליידיג, ארט דעם מענשין גאר ניט, איז ער גאנץ רוהיג; אבער אז דער קאפף איז פול (מיט קענטנים) אונ דער מאגען איז ליידיג, דאן רוהט ער שוין גאר ניט, דאן איז רעכט אלס אין דער וועלט, אזא שטריינגער נאצאלניק איז דער מאגען. פאר־שטייט איהר, ר' מאיר? אונ איך ציטער פאר דעם נאצאלניק, וויא פאר פייער.

אבער זאגט איהר גליך ווערטליך, זאגט ווייסבערג. איך רעכין, אז בייא אייך איז איצטער פול אי דער מאגען אי דער קאפף; דער מאגען מיט פארבייסען אונ דער קאפף מיט בראנפען, דען אייער צונג שיינט מיר איז שטומפף (היילינג) געווארין.

לחיים! זאגט ווייטער שמעיה אנשטאט אלע אנטווארט. אט פון דיזע שדכנים קען איך טאקע ניט אויס האלטין. לחיי וואלט ארויס געקומין אגזירה, אז אשדכן מוז פריער אבגעבין עקזאמען,

אט וואלטען זייא וויסען דיא יונגאצעס. דאס וואלט איך מאכין דיא פראגראמע פון עקזאמען; ערשטין אז מען בריהט אב דעם שדכן מיט זוד, זאל ער שמייכלען אונ עס זאל איהם גאר נישט ארען; צווייטען אז מען טרייבט איהם ארויס פון צארנעם חאר, זאל ער קאלט בליטיג זיך אריין געהן פון פאראדנעם אונ ריידען ווייטער דעם שידוך, וויא נישט גיוועז; דריטען זאל ער אין הלכות זולל וסובא זיין גוט בעהאוועז; צב״ש מיט דיא קרואים דיא מאנס-פערזאנען גיגעסין, מיט דיא פרויען גיגעסין, מיט דיא מוזיקאנטען גיגעסין, מיט דיא סארווער אויך גיגעסין, אונ פאר דעם זאל ער גלאט האבין אויפגיגעסין אקיטקע מיט אטעלער פיש.

וואס האט איהר זיך פאנאנדער געפלוידערט ר׳ שמעיה, שרייט וויסבערג, תלעבין, עס ליגט מיר גאר ניט אין קאפף איערע דומעס צייג. הערט שוין אויף.

פירטען, זאגט ווייטער שמעיה ניט אכטענד אויף וויסבערג׳ס רייד, פירטען אז מען דער לאנגט אשיסל הייסע בלינצעס, זאל דער שדכן אריין לאזען זיין האנד אונ ארויס נעהמין מלא חפניו אונ אריין שפארען אין צורה...

גייט שוין אמאל ניכטערט זיך אויס! שרייט וויסבערג, עס עקעלט צו הערין איערע רייד.

איהר קענט זיך ניט הערין, זאגט שמעיה, איך מוז קאנצען וואס איך האב אנגעהויבען, יע וואו האלט איך?... איהר צו-טומעלט מיר גאר מיין קאפף... יע, פינפטען אז ער רעדט מיט דעם חתן, זאל ער אויף איהם ריידען וואס ער קען, זאגען: ער איז איין אויסוואורף, אטויגעניכטס, אבור, אשוטה, אונ דיא כלה אבריליאנט, אזייד, וואס ער ציטערט איהר גאר דעם שידוך פאר-צולייגען; אונ פארקעהרט רעדט ער מיט דער כלה, זאגין איהר, אז זיא איז אמנוולת, אשוטה, אונ וויא מיגליך איז אויפזוכען א-פסול אין איהר אונ אין איהר משפחה, וואס ער ציטערט דער חתן זאל זיך ח״ו דער פון ניט דער וויסען אונ זא ווייטער... זעכסטען זאל דער שדכן קענין אבטראגין אפאר שטיוועל פון איין שידוך ביז דעם אנדערין, חאטש פינף זעכס יאהר אן אפאצינקע (נאטירליך צעריסען).

הערט שוין אויף צו פלוידערין אמאל שרייט וויסבערג. גוואלד

וואס

וואס קומט שוין דער שליח נית; איך בין העכסט אונרוהיג!...

לחיים! זאגט שמעיה ווידער טרינקענדיג, עס איז גאר נישט, איהר האט גאר נית וואס אונרוהיג צו זיין... עס איז גאר נישט מיט גאר נישט... יע וואו האלט איך?... אלזא אט דער וואס וואלט אויס האלטין דעם עקזאמען, יענער קען זיין אשדכן, אונ ווייטער קיינער נית... א דאן וואלט איך גיוועזן איינער פון די גרעסטע... דער ווייל איז זעהר ביטער, שלעכט, וויא איך בין אאיד... לחיים!... היינט איז דא נאך א צרה... אויסער די פיל שדכנים וואס זיינען בעונותינו הרבים אזו נתרבה געווארין, איז גאר גיווארען איין אנדער מאדע, גאר אמכה אשר לא כתובה בתורה... די מיידלעך מיט די אינגלעך טוען שדוכים גאר אליין, גאר אן אשדכן, וויא גיפעלט אייך דאס? הא? וויא האבין זייא דאס עפעס אנאמען גיגעבין, עפעס ע ע ע שמיבע, ליבע, שדים ווייסען. — איך וויים גאר נית, וויא זייא קענין זיך צו נוף ריידען, חלעבין... אונ דעם ארעמען שדכן לייגט מען אונטערן באנק... איז דאס נית גזילה, רציחה, אויף מיין אידישקייט... יאהרען ארויס גיקומען אלס מיט מאשינעס: מען שיפט זיך אן פארעסען, מען פאהרט אן פערד, אונ מען טהוט שדוכים אן שדכנים, אשיינע וועלט האבין מיר דער לעבט, ניטא וואס צו ריידען... נו לחיים ר' מאיר!... עס איז מיר שוין טרוקען גע־ווארען אין האלז ריידענדיג... עס זעהט זיך שוין דער דעק אויף מיין ווארט... הייסט אריין טראגין נאך איינע, ר' מאיר.

עס איז אריין גיגאנגען דער שליח, מאיר ווייסבערג לויפט איהם ענטגעגין.

דארטען בין מחותן איז גאנץ פריילין, זאגט דער יונגער מאן; מען שפילט, מען טאנצט, עס איז פול פריילינם.

האסטו גיזאגט דעם מחותן, אז איך בין אונרוהיג? פרעגט איהם ווייסבערג.

איך האב איהם געווים גיזאגט. האט ער מיר גיענטפערט, איך זאל אייך זאגין עס איז אלעס רוהיג, די קראנקע איז בעסער. איהר זאלט אריבער פאהרען צו זילבערמאנען, וואו עס דארף זיין אייער קבלת פנים די געלאדענע האבין זיך שוין גינומען קלייבען.

נו געלויבט איז גאט, זאגט ווייסבערג. איצטער בין איך לויז

גיוואָרען פון צוויי זאַכען, ערשטין פון דער אונרוהע, וואס איז געווען ביי דעם מחותן, און צווייטען פון דעם פּיאַניצע.

איך גיי שוין אפען קבלת פנים זאגט שמעיה, איך מוז דארטין זיין פריער.

אויב איהר וועט דארטין זיין זאגט וויסבערג, איז אַרחמנות אויף דיא אורחים.

נישקאשע זאגט שמעיה, איך וועל זייא ווייזען וואס אפטיט איז. און איז ארויס געגאנגין.

גלייך דארויף האט מאיר וויסבערג זיך אנגעקליידעט, און איז אוועק גיפאהרען.

6.

צערריסען דיא חופה.

אין צוויי שטונדען ארום איז שוין געשטאנען דיא חופה אפען גאס נעבען דער שול. עס איז פאר נאכט, רעכט פינסטער. דאס וועטער איז שטיל, דער הימעל איז בלא דונקעל, אויס געשטערינט. עס האבין זיך אנגעקליבען אטאלפא מענשין אפען גאס פון נידריגען שטאנד, איבער הויפט לערן אינגלעך בעלי מלאכות און הויז מיידלעך, וואס האבין געענדיגט זייערע ארבייט, און האבען זייער ליב אחופה, ווען ניט איין איגענע, טא האטש אפרעמדע. מען רעדט ארום חתן כלה, ארום דיא מחותנים, וועגין דיא נגן. דיא מיידלעך בערידען דיא כלה, און זאגין זיא איז דעם חתן ניט ווערט. — אזא גיט יאהר זאל איך האבין, וויא איך בין מעהר ווערט דעם חתן פאר דיא קארוזע, רופט זיך אב אמויד פון טאלפא אהויכע און אברייטע מיט שמוטציגע הענד, פאר גלעטענדיג איהרע האאר.

איך קען דעם חתן מעהר פאר אייך אלעמין, רופט זיך אב נאך איינע אהויכע און אשופטילע מיט אלאנגין נאז און מיט לאנגע הענד פון ברוינער פארבע.

אזו! רופען זיך איינגע מיט פערוואונדערונג.

איך בין ביי זייא געוועזען איאהר נאך אנאנד אין שטוב זאגט

דיא

דיא זעלבע, מיר איז גיוועזן גוט וויא דיא וועלט; ער האט גיוועלט מיט מיר חתונה האבין בשתיקה; האב איך ניט גיוועלט.

איך וואלט שוין ניט גיוועזן אזא נאר וויא דוא, רופט זיך אב נאך איינע אנידריגע אויסשנייצענדיג דעם נאז און אבווישענדיג מיט דעם פארטוך, וואדורך זיא האט זיך מעהר איינגעשמוצט.

זיא וואלט טאקע אויך ניט גיוועזן אזא נאר, רופט זיך אב איינער פון דיא לערן איינגלעך; נאר דער חסרון איז, וואס ער איז אויך ניט גיוועזן אנאר, און האט טאקע ניט גיוועלט, פשוט.

אקריינק אויף יענקעצקען, ער מישט זיך אויך! רופט זיך אב יענע, וואלסט אפשר וועלין מען זאל דיך נעהמין? אמכה!

א גאטינקע! רופט זיך אב אמיידעל פון איאהר פונפצעהן, וואס איז גישטאנען אן אזייט און טרערן וויא באב האבין זיך געקייקעלט פון איהרע פיינע אויגען, א רבושיע! ווען וועל איך שוין זוכה זיין צו שטיין אונטער דער חופה! ווער ווייסט וויא לאנג וועל איך נאך דארפען ווארטען.

איך וואלט אוועק געבין העלפט יאהרען, רופט זיך אב אמויד פון איאהר דרייסיג, איך וואלט אוועק געבין מיין עולם הבא, אז איך וואלט זוכה זיין היינט צו שטיין אויף דעם ארט פון פריילין ראזענשטאק. וואסערע מזלות עס איז דא אויף דער וועלט, זיא אזא יונגע האט אזו גליקליך חתונה, און איך דארף אזו לאנג פינסטערן. גאטינקע, הער צו מיין גיבעט, שיק מיר מיין בעשערטען.

ווער וואלט זאגין, אז דיא חופה איז אזא פגע אויף דער וועלט! רופט זיך אב איינגע ווייבעל מאגער און בלאס מיט שוואכע אויגען, קענטיג אז זיא האט פיל געליטען אויף איהר וועלט; ווער וואלט זאגען, אז דיא פיר שטיינגלעך זיינען אייביגע קעטין פאר אפרויענצימער איין אייביגער גיהנם, אייביגע צרות. פאר פיר יאהרען צוריק בין איך גישטאנען אזו גליקליך אונטער דער חופה, מיינע חברתות האבין מיך מקנא גיוועזן, — און היינט בין איך איין ארעמע אונגליקליכע עגונה מיט צווייא קינדער... דיא פיר שטיינגלעך האבין מיר פארשטעלט דיא זון, מיין וועלט איז אויס... פינסטער איז מיר, ביטער איז מיר...

מיט איין מאל איז איבער געריסען גיווארען אלע גישפרעכע. עס איז געווארין שטיל, אלע האבין זיך אקעהר גיטאן צו רעכטין

זייט. עס האט זיך געלאזט הערין דיא מוזיק, פון זילבערמאנס הויז איז ארויס אטאלפא מענשין רייך געקליידעט, מיט ליכטער אין דיא הענד, עס ווערט ליכטיג, אלע בעמיהען זיך צו זעהן דעם חתן, איבער הויפט דיא מיידלעך, וועלכע האבין אלע איינשטימיג גיזאגט זייער מיינונג, אז דער חתן איז אשיינער, נאר זיא איז איהם ניט ווערט, יעדע רעכינט זיך, זיא וואלט זיך בעסער פאסען פאר איהם.

דיא פראצעסיאן איז צוא געגאנגין צו דער חופה, דער חתן האט זיך גישטעלט אין מיטען. דיא מוזיק איז אוועק געגאנגין לינקס צו ראזענשטאקס הויז נעהמין פיהרען דיא כלה. דיא טאלפא וואכסט, עס איז גיווארין פול דיא גאס מענשין. אלע אויגען ווארען געריכטעט לינקס. עס איז ארויס פון ראזענשטאקס הויז אטאלפא פרויען עלעגאנט געקליידעט מיט ליכטער אין דיא הענד, פאראוים געהט דיא כלה מיט אווייסע טול צו גידעקט, געהט שטאלץ וויא אפרינצעסין. אלע יונגע לייט בעמיהען זיך צו זעהן דיא כלה אונ שילטען דיא טול, וואס שטערט זיא אין זייער וואונש. מוזיק שפילט. דער חתן שטייט שטאלץ אונטער דער חופה, איז פראה איבער זיין גליק אונ וואלט שוין גערן פון דעסט וועגין איבער קומען דיא קריטישע מינוט...

פלוצלונג איז ארוים פון טאלפא אפרויענצימער צו גידעקט מיט אהילע. זיא וואר טאטענבלאס, דיא ליפען בלא, דיא אויגען פייער, עס ווייזט זיך פלוצלונג אפורפור, שטייסט זיך דורך מיט קראמפפהאפטער האנד דורך דיא גידרענגע, שרייט מיט אריסענדע שטימע: לאזט מיר! לאזט מיר צו מיין גזלן!... צו מיין מערדער, וואס האט מיך געקיילעט... אלע ווארען צוטומילט, פערוואונדערט, מען טרעט איהר אב דען וועג, זיא לויפט צו צום חתן, חאפט איהם פארן מאנטל, שאס האט זיך בעוויזען פון מויל, אונ שרייט: גזלן! מערדער! וועניג איז דיר, וואס דוא האסט מיך אונגליקליך גימאכט, מאכסטו איצטער אונגליקליך איין אנדערע אידישע טאכטער... דער חתן, פארשטייט זיך, איז געווארין הערכסט צו-טומילט, ער האט שוין פאר געסין, וואס מיט איהם טהוט זיך, פארגעסין אז ער איז אחתן, ער וויים ניט וואס צו טאן, גאנץ פובליקום זיינען גישטאנען וויא שטאטויען. — וואס שווייגסטו גזלן!

גיט דיא אונבעקאנטע ווידער אגעשרייא אים נעהמענדיג פארן הארצין, קוקט זיך איין — אי! אי! גיט זיא אגעשרייא, דאס איז ניט ער! אונ איז געפאלין אין אונמאכט...

דער חתן, דאס איז מאיר וויסבערג, איז גיקומען צוא זיך אונ שרייט איך קען דיך ניט.

אהא! שרייען איינינע פון טאלפא, וואס האבין ניט גיהערט איהרע לעצטע ווערטער, אהא ער קען איהר ניט!... וויא דען זאל ער זאגין? מען זאל איהם קלאפען! דאס איז געוויס זיינע ווייב!... דער צווייא ווייבערניק!... ער מוז נאך ווייבער האבין וואו עס איז, קלאפט ברידער, קלאפט! לאזען זיא וויסין דיא יונגאצעס, וויא ארעמע פרויען אונגליקליך צו מאכין...

מען זאל איהם איין צאן ניט לאזין! שרייען אנדערע, אין לייעבער זאלען מיר איהם אוועק טראגען! — קיין איין ביין ניט לאזין אגאנצין! מען האט שוין גינומעןווארפען שטיינער...

דער ווילע איז געווארען אגעשרייא; דיא כלה חאלעסט, דאס פובליקום האט זיך אקעדר געטאן אהין, וואו דיא כלה איז פריער גיגאנגען, דיא כלה איז ווירקליך גיפאלען אין אונמאכט, עס איז געווארען אגעוויין, אקלאג, דיא ווייבער האבען גענומען שרייען; גוואלד! ראטעוועט! מען האט געבראכט וואסער, מען האט איהר גינומען שפריצען, מינטערין, מען האט איהר אוועק געטראגין צוא ריק אהיים צוא איהר פאטער ראזענשאק אונ גינומען שיקען נאך ארצטע, דער יאמער פון דעם הויז ראזענשטאק'ס לאזט זיך ניט בעשרייבען,

דער ארעמער וויסבערג האט זיך אין דער סומאטאכע אויף גיך אבגעטראגין, אנדערע פון פובליקום, וואס האבין איהם באמערקט; האבין גענומען שרייען; ער אנטלויפט דער גזלן, וואס האט גיהארגעט צווייא ווייבער אויף אמאל, אונ פיליכט האט ער נאך עטליכע ווייבער גיהארגעט אויף דעם אופען, לאמיר איהם יאגין אונ הארגענען צום טויט! ער האט זיך אבער בענוצט מיט דער נאכט פינסטערנים אונ האט זיך פון זיא ארויס געמאכט, ער האט גיקראגען איינינע קלעפ, מען האט איהם צו בראכין זיין ציליענדערהוט, מען האט איהם געווארפין מיט אפאר שטיינער אין געזיכט, וואס האבין גילאזין נאך זיך אבלאען צייכין, — אבער

ער איז ניצול געווארין.

דאס פובליקום האט גענומען פאנאנדער גיין, די געלאדענע אויף דער חתונה זיינען אויך פאנאנדער גיגאנגען, אנדערע זיינען נאך גיוועזן רעכט פריילך, וואס זייא טראגן זייערע דרשה גישאנק צוריק אהיים, אונ פאר ראזענשטאק האט זייא ווייניג וואס גיארט.

די אונבעקאנטע וועלכע וואר קיין אנדערע וויא אונזערע בעקאנטע טייבעלע איז, וויא מיר ווייסן, גיפאלין אין אונמאכט; אין גרויס טומיל, וואס די כלה האט גיחאלעסט, האט מען וועגין איהר פאר געסין, אפאר ארעמע מענשען האבין איהר פון דעסט וועגין צו געהאלטען אונ געשפריצט מיט וואסער, זיא איז גיקומען עטוואס צו זיך, איצטער האט זיך דא גיקליבין ארעדיל, — וואס איז דאס פאר אצרה! גיט אגישרייא אאידענע פון טאלפא, זיא גייט דאך מיט אייגענע האר, אלע קלאגין צו איהר קאפף! גיפעלט אייך אווייביל זאל גיין מיט אייגענע האר.

וער ווייסט, רופט זיך אב איינער, טאמער איז זיא גאר ניט גיוועזן זיין ווייב, זיא האט דאך מעהר ניט געשריען, אז ער האט איהר אונגליקליך געמאכט.

אזוי! איז נאך בעסער, שרייט נאך אאידינע, איז דאס אזא ארענטליכעס קינד, אשיינע ריינע כפרה, וואס האט געזאלט זיין צו אלע גאטספארכטיגע טעכטער זאל אוים גיין צוא איהר קאפף אונ צו נאך אזעלכע הולטייקעס, וואס ברעכין אן גאט, וואס גייען מיט אייגענע האר, וואס מאכען אזאך פרייטאג אונ וואס גייען אום ראש חודש, טאטע דער בארעמיגער!...

היימן גרינוואלד, וועלכער וואר געווים אונטער דעם פובליקום אונ וועלכער האט צו גיזעהען די סצענע, איז גיוועזן אוועק גילאפין ברייגען איין איזוואסציק, ער איז גיקומען צו דער צייט, ווען די גאטספארכטיגע ווייבער האבין געזאגט זייערע מיינונגען אונ האבין זיך באוויזין אזו מענשענפריינדליך, ער האט אלעמען פאנאנדער געשטויסען, האט גענומען טייבעלען אוועק גיזעצט אפין איזוואסציק, האט גיגעבין די מענשען וואס האבין איהר געמינטערט צו רו"ב, אונ איז אוועק געפאהרען.

זעהעט נאר זעהעט, וואס דא טהוט זיך, האבין גינומען די ווייבער טענען אונ שאקלען מיט די קעפף; אווייביל, וואס זוכט

דעם

דעם מאן , פאהרט מיט איין אנדערין .

וויא הייסט עס ! עס דארף דאך איהר ווער עס איז ראטעווען אדער פיהרען צו אדאקטער , רופט זיך אב איינער , אז איהר שטייט אונ קוקט אונ אייך ארט ניט , האט זיך גיפונען איין אנדער בעל רחמן , אדער פיליכט איז ער אברודער צו אזו אגוטער פריינד .

אברודער איז ער ! זאגין דיא נשים צדקניות , איידער אזא ברודער זאל ער איר בעסער ניט קענען אבראטעווען , אונ לאז דאס זיין גירעכינט פאר איין אבקומענעס פאר איהרע זינד .

7.

צוויא ווערטער האבין געווירקט וויא שים פולווער .

דיזע נאכט וואר זייער אונרוהיג אונ טרויעריג אין דרייא וואהנונגען ; בייא מאיר וויסבערג , בייא ראזענשטאק אונ בייא טייבעלען מיט הימאנען .

וויסבערג איז גיקומען אויף זיין קוואטיר וויא אוואהנזיניגער , האט זיך פאר שלאסין אין צימער אליין , פריער איז ער אנידער גיפאלין אין זיין קרעסלע האט גיוויינט , וויא אקליין קינד ; נאך דעם האט ער גינומען לויפען איבערין צימער ראש , האט זיך גישלאגין דען קאפף אן וואנד אונ גיריסין זיך דיא האר , — שטייטס ! האט ער גינומען שרייען אונ ריידין צוא זיך אליין , שטייטס ! אזא פאזאר , אזא שאנדע !... אונטער דער חופה ! אוי אוי אוי !...
אויב דאס איז דיא ראכע פון מיין פיינד , זא איז ער אטייוועל אדעמאן ! יא דאס איז געוויס זיין ראכע ! אונ וואס איז דאס פאר אפרויענצימער וואס קען האבין אין זיך אזא טייוועלשע פרעכהייט , מיר אזו טייוויליש צו בעפאלען , בשעת איך שטיי אונטער דער חופה ! גוואלד ! גוואלד ! גיטא קיין מענשען אויף דער וועלט , ניין , מיר זיינען אונטער דעמאנען , משחיתים !... איך וואלט איהר חאטש קענען , איך וואלט איהר האטש ווען האבין גיזעהען... וואס איז דאס פאר איין אונגליק , וואס פאר איין אונגליק מיר איז גישעהען ! איך בין גיבליבין בייא פובליקום אונגירעכט , פובליקום האט מיך בעשולדיגט ; איך האב גענומען צוויא ווייבער , מען האט מיך גיוואלט שלאגין

איך

איך בין קוים ניצול געווארין, אבער וואס וועט איצטער זיין? אונ מיין כלה אי אי!... איך האלט ניט אוים... זיא האט געטאלעסט... אונ וויא האלעסט מען ניט, ביי אזא קאטאסטראפע? ווער ווייס וואס זיא מאכט, צו מען האט איהר אבגעראטעוועט ?, צוא וועט זיא ניט בלייבין דער פון מיט אפעהלער.... נאר וואס נוצט עס מיר? איך בין אין זייערע אויגין אמערדער, אבעטריגער, וואס מאכט אונגליקליך פרויענצימער... וואס פאר אפנים האב איך היינט ביי מיין מחותן כתריאל ראזענשטאק? אוי איך האלט ניט אוים! עס שפאלט מיר דער מוח! אוי אוי אוי! מיר האבין זיך אלע אזוי גליקליך גישעטצט, איך בין גיוועזן אזו צו פרידען פון דעם שידוך: וויא עס גיפעלט מיר דער מחותן, וויא עס גיפעלט מיר די כלה; היינט וויא זיא האט זיך גישעצט גליקליך! אונ וויא דער מחותן איז דאס גיוועזן צו פרידין פון מיר! — מיט אמאל איין מאמענט, איין גישריי פון אטייוויל ביי דער העכסטע שטופע פון מיין גליק, האט אונז אלעמען רואינירט, אלע אונזערע גליקין צו שטערט... מיר זיינען אזו נידער גישלאגין, וואס טהוט מען איצטער? וואס פאנגט מען אן? אוועק פאהרין אין גיהיים היימט עס בין איך זיך מודה, אז איך בין ווירקליך דער נידערטרעכטיגער יונג, וואס האט צוויא פרויען אונגליקליך גימאכט: אונ ווידער וויא נארפט מען אוועק מיין דבורהלען? איך ליב דאך איהר אזו? היינט בין איך דאך פרבונדען אין געלט מיט זיא מיינע געלט מיט זיינע זיינען דאך איינגעלייגט, — היינט בלייבין דא, זעהען דיא זאכע אונטער זוכין, ראבע נעהמען אן מיין שונא, אויף ווייזען מיינע אונשולדיקייט — דאס איז זייער שווער פאר מיר, ערסטען ווייל איך קען איהר ניט אונ צווייטין ווייל איך קען דא פיל ניט פארברייגען, שלעכט, שלעכט! איך בין פארלארין, איך בין נידער גישלאגין.... נאר מען מוז נעהמען צו טאן, מען דארף דייסטעווען... דער ווייל איז זייער ביטער, שלעכט! דער קאפף שפאלט מיר גוואלדיג, איך פירכטע, איך זאל ניט קראנק ווערין... יא מעהר וויא דאס האט מיר ניט גיפעלט.

ער איז אנידער גיפאלען אפען בעטיל אונ איז ענטשלאפין גע-ווארען; דאס וואר אבער ניט קיין רעכטער שלאף, דאס געזיכט איז איהם גיווארען רויט, אשוויים האט זיך בעוויזען אפען געזיכט ער האט גינומען ריידען, פלוידערן פון היטצע. אין דעם צושטאנד

איז

איז ער אבגיוועזן אגאנצע נאכט; אויף מארגען אודר אכט, ניינען, איז מען גיווארען אין שטוב אונרוהיג, וואס ער שטייט ניט אויף מען נווארט ביז צעהן אוהר, מען קלאפט אן, מען עפינט ניט, מען האט גיזעהן דא איז ניט גלאט, האט מען אויף גיבראכען די טהיר, מען האט גיזעהן ער איז קראנק, האט מען גלייך געשיקט נאך דעם דאקטער פרייאמאן.

בשעת מען האט גיבראכט פון דער חופה דיא כלה אהיים אנגעהאלישטע איז גיווארען, וויא מיר ווייסען איאמער און אקלאג, — מיט וועלכע פריידען, האבין דיא ווייבער גענומין שרייען, מיט וועלכע פריידען זיא איז גיגאנגען צו דער חופה, און מיט וועלכע ליידען זיא קומט צוריק! מען האט דיא כלה אריין געטראגין אין איהר צימער, מען האט איהר אויס גיטאן דיא חופה קלייד און גענומין מונטערין, מען האט דער ווילע געשיקט נאך דרייא ערצטע, דערונטער וואר אויך דער דאקטאר פריימאן. דער אלטער ראזענשטאק איז גיווארען וויא וואהנזיניג, ער האט געקוקט אויף אלעס וואס דא טהוט זיך וויא אתם (בעזסאזנאטעלנא). דער ווילע דיא געלאדענע אויף דער חתונה זיינען ביסלעך ווייס פא-נאנדער גיגאנגין, עס זיינען נור געבליבען דיא אייגענע מענשין. דיא ערצטע האבין גיגעבין מיטלען, מען האט איהר גיבראכט צו זיך, זיא האט גיעפינט דיא אויגען: — וואס טהוט זיך מיט מיר? זאגט זיא זעהר שוואך... איך בין... גיוועזן... אכלה... מיין חתן... איז אבעטריגער... ער האט אווייב... און מיך האט ער... אויך גינומען... א שרעקליך... שרעקליך! זיא איז ווידער גיפאלען אין אונמאכט, נאר דאקטאר פריימאן וועלכער וואר דארטין געבליבען אויף אגאנצע נאכט, האט איהר אבגעמינטערט און האט איהר גיגעבין צו בערוהיגען דיא נערווען.

אז דיא טאכטער איז גיווארען בעסער, דאן איז ערשט דער אלטער ראזענשטאק גיקומען צו זיך, ער האט דאן איינגעזעהן זיין גאנצע טרויעריגע לאגע. ער איז ארויס געלאפען פון דער טאכטערס צימער, האט גיגעבין אפאץ מיט דיא הענד און איאמערליכען געשרייא: — נא דיר טעכטער האבין! מען ערציהט אקינד, עס קאסט בלוט, מען קלייבט צו זאמען אקאפיטאל אויף-נדן, מען דער עסט ניט, מען דער שלאפט ניט, מען קוועלט זיך, אז ענדע איז

דאס

דאס נאך ווייניג, דען דיא פארדערונגען איז גרויס אונערטרעגליך מען פארשולדיגט זיך, מען צאהלט פראצענט, אונ מען האפט שוין דעם קינד ווערט זיין גוט, — מיט אמאל נא דיר אזא אודאר! אזעלכע בזיונות, אזעלכע בזיונות!... גענומען איין אידים, וואס האט נאך אווייב, אדער וואס פאר פיהרט אנדערע פרויענצימער!... א א א! ווער וואלט זיך ריכטען אויף אזא מפלה, אויף אזו איין אונגליק! א רבוש"ע!... איך האב אזו נאך גיפרעגט, אונ אלע האבין אזו גוט אויף איהם גירעדט, האבין אזו געלויבט, אז ער איז אפיינער מאן, — היינט לאזט זיך אויס, אז ער איז איין אויס-וואורף, אנידערטרעכטיגער יונג!... אונ דער בעטריגער האט גיזאלט זיין מיין טאכטערס מאן! א... נאר גילויבט איז גאט, וואס עס האט זיך יאזו אויסגילאזין. וויא וואלט שוין גיווען חופה, ער וואלט איהר אוועק פיהרען ווער ווייסט וואו, אונ ער וואלט איהר ווייטער אוועק ווארפין, זיא וואלט נאך קומען זיצען אויף מיין אלטע קאפף מיט אפאר קינדערלעך. גאט איז גירעכט אונ זיין משפט איז גירעכט, מסתמא דארף אזו זיין. עס איז גלאט בזיונות געליטען... א גוואלדיגע בזיונות! רבוש"ע! מסתמא האב איך גוט פערזינדיגט געגין דיר, אז דוא שטראפפט מיך אזו... ווייניג בין איך אויס גישטאנין היינט אגאנצין טאג, אלס יענע האט געהאלעשט, אלס מיט דקטורים, — נא דיר איצטער אפערבייסען (אדעסערט), אט האדעוועט מען קינדער, מען בלוטיגט זיך פון זייערט וועגין, אונ צום סוף — א וואסערע צרות מען האט פון זייא! וואס מען שטייט אויס פון זייא!... שרעקליך, שרעקליך!... ווער ווייסט וויא זיא וועט געבעך מיין פייגעלע אבשניידען פון דעם אונגליק? צו וועט זיא ניט בלייבען ח"ו אקראנקע פון אזא געשיכטע? אקלייניגקייט!... ווער ווייסט טאמער ליבט זיא איהם נאך, זיא וועט דורכאויס ווילען לעבין מיט איהם, מיט דעם אויסוואורף, דאן וועט זיך עפנען ווייטער אים צרות פאר דעם אלטען טאטן, שלעכט, שלעכט! ביטער... זעהר טרויעריג איז אטאטע צו זיין.

עס זיינען אריין זייגע הויז מענשין אונ גוטע פריינד, מען האט איהם געטרייסט, בערוהיגט עטוואס, מען האט איהם געצוואונגען צו גיין שלאפין. אין שטוב איז געווארין רוהיגער.

דעם דאקטאר פריימאן האט מען אוועק גערופין צו אקראנקע,

ער האט פערשפראכען באלד ווידער צו קומען ; ביא דער כלה האט מען גילאזען אמענשין , וואס זאל איהר אויף פאסען.

שמעיה תנחום , וואס האט אזו לאנג גיווארט אויף דער וועצערע , וויא ער האט דער זעהן דיא סומאטאכע , איז ער גע- ווארין העכט צו מישט פון שרעקין , אז איהם שטייט דא פאר צו פערלירען אזא וועצערקע , אונ אפשר וועט איהם נאך ראזענשטאק ראספעקייען פאר דעם שידוך ; ער איז גיווארען בלא אונ רויט פון כעס אונ פון פערדרוס , ענדליך וויא ער האט דא דערזעהן דעם גרויסען טומולט , טראכט ער ביא זיך : דא איז פארקעהרט וואוהל וויא דיא וועלט : זייא זיינען אזו פארטראגין , אז זייא וועלין אן מיר פארגעסין , מיין חלק וועצערע וועל איך צו נעהמין , ווארום עס איז ניטא ווער עס זאל היטען ; אונ ווייטער פאר מיינע שדכנות האב איך ניט , וואס מורא צו האבין — איך האב זיא שוין לאנג אב גענומין אונ זייא זיינען שוין לאנג ניטא הע הע !... מיט דיא גידאנקען איז ער זיך אריין גיגאנגין אין קיך האט זיך גענומין עטליכע האלבע קיטקעס , עטלעכע חלקים פיש , עטליכע חלקים פלייש , האט אנגישפארט אין זיינע קעשענעס מיט אגאנץ ליבליכען שמייכעל , אונ האט אויף אווילע פאר געסין , אז פריער האט ער גיהאט צוא גינומען צוויא סטרינאווע ליכט אונ האט אריין געלייגט אין קעשענע מיט דעם גידאנקין ; עס וועט צו נוץ קומען שדכניתע בריף צו שרייבען.

ארויס גייענדיג טראכט ער ביא זיך : זייא זיינען אביסיל צו טריוואזעט דיא מחותנים הע הע ! נאר זאל דאס מיר זיין מיין לעצטע דאגה , אבי מיינע שדכנות האב איך אבגענומין , מיין וועצערקע האב איך פאר פול , אונ ווייטער... אמת דער ראזענשטאק וועט מיך אפען שוועל ניט ארויף לאזין , אבער דער פאר קריג איך ווידער אנייען העכט , מאיר וויסבערג בלייבט אבחור , דאס הייסט א- קאנדידאט אויף אחתן אונ איך קריג מיר ווידער שדכנות הע הע ! מען זעהט טאקע בשיינבארליך (שיינבפערליך) אז דער אויבערשטער מיט איין האנד שטראפט ער , מיט דער אנדער האנד בענשט ער . מיט דיא רייד איז ער ארויס אפען גאס אונ האט שוין גינומין פראווען דיא סעודה גייענדיג.

8.

דער טעות.

דיא אונגליקליכע טייבעלע וויא מיר ווייסען, האט הימן אב-געפיהרט אויף איהר קוואטיר, וואס ער האט פאר איהר גע-מיטהעט, אין דעם זעלבין האטעל, וואו ער איז געשטאנען. דיא בעוועגונג פון איזוואסטשיק האט איהר געבראכט צו זיך, אבער זיא איז נאך געווען אין טומעל. ער האט איהר ארויף געפיהרט אויף דיא טרעפ, אריין געפיהרט אין איהר צימער, האט אריבער געשיקט נאך וויין, אונ נאך ערקוויקענדע טראפפענס, זיא איז געווארען שטארקער עטוואס, האט זיך גענומען עראינגערן וואס דא איז געווען, וואס זיא האט געטאן, האט זיא געגעבין אגעשרייא אונ אפאך מיט דיא הענד: אוי וויא! אוי וויא! וואס איך האב אב געטאן!... דאס איז ניט ער...

הא, וואס רעדט איהר! ניט אגעשרייא הימן, דאס איז ניט יאקאב!

ניין, דאס איז ניט יאקאב! ער האט עהנליכקייט, אבער דאס איז ער ניט... אוי וויא איז מיר! אוי וויא איז מיר! איך האב אמענשין אונגליקליך געמאכט. האב זיין פרויא דיא יונגע ווייבעל אונגליקליך געמאכט, איך האב אגאנצע פאמיליע אונגליקליך גע-מאכט... ווער איז שולדיג? אלס מיינע אונבעזאנענהייט, מיינע פערפלוכטע אייפערזוכט... וואס איך האב דא אבגעטאן!... וואס איך האב דא אבגעטאן!... אוי איך האלט ניט אויס! אונ איהר זייט אויך שולדיג... איהר האט מיך פערזיכערט, אז דאס איז געוויס ער, אט בין איך געגאנגען, בין וויא אגיפטיגע שלאנגע בעפאהלען אויף איין אונבעקאנטין מענשין, וואס האט מיר קיין שלעכטעס ניט געטאן, וואס איך קען איהם ניט...

איך בין אויך ניט שולדיג, זאגט הימן, איך האב יאקאבען געזעהן צום ערסטען מאל אין וואגאן פון אבענד, ווען עס איז פינסטער, דער איז מיר פארגעקומען עהנליך, האב איך גירעכינט דאס איז ריכטיג ער, נאך מעהר איך האב איהם נאמעקייעט ווענין איך, האט ער מיר געגעבין אזוי איין אנטוואורט, וואס האט מיר איהם פערדאכטיג געמאכט... איבריגענס קומט איהם דעם אויס-

וואורף

וואורף, פאר וואס ער האט אוועק געטריבט מיין כלה, מיט וועלכע עס האט געזאלט זיין היינט מיינע תנאים; עס קומט איהם, עס קומט ראנזשעשטאקען אויך...

צו אז עס קומט זייא, רופט זיך אב טייבעלע, דארף איך זיין אייער ווערקצייג, דורך מיך אוים צו איבען אייער ראכע?... איהר זייט זעהר אונגערעכט.

איך האב דאך דאס געטאן אבער אוים אירטהום. מיר איז ער פאר געקומען ריכטיג יאקאב, ווער וואלט אנדערש טאן וויא איך?

אוי ווייא איז מיר! אוי ווייא איז מיר! שרייט זייא ברעכענדיג דיא הענד, איך זאל זיין דיא מערדערין פון אגאנצע פאמיליע, דיא כלה איז געווים קראנק געווארין, דער חתן איז נידער געשלאגין האט געקראגין אשלעכטין נאמין, און זייער גאנצע פאמיליע מוז יעצט ווייגען און קלאגין איבער אזו איין אונגליק, און ווער האט דאס געמאכט דעם אונגליק? — איך! איך בין זייער מערדערין א גאט! ווארום שטראפסטו מיך אזו? ווייניג איז מיר מיינע אייגינע צרות וואס אשלעכטער מענש האט מיר געטאן, בין איך היינט דיא אורזאכע פון אסך צרות פאר איין אונגליקליכע פאמיליע!... גאט, וויא האלט איך דאס אוים!... גיין איך וועל אזו פיל צרות ניט אריבער לעבין, איך מוז מיר דאס לעבין נעהמין.

זייא האט זיך גענומין גוואלדיג שלאגין קאפף אן וואנד, הימן לויפט צו און האלט איהר אב.

בערוהיגט אייך, פריילין, בערעכינט וואס איהר טהוט... שטארקט זיך, אום גאטעס ווילען!...

איך האב זיך ניט וואס צו רעכנען!... שרייט זייא, איך האב זיך ניט וואס צו שטארקין... איך מוז מיר דאס לעבין נעהמין!... אסוף!... אוים פון מיר!...

איהר בעדענקט אייך טייבעלע, אז איהר וועט זיך דאס לעבין נעהמין, בלייבט דאך דיא פאמיליע אונגליקליך אויף אייביג... איהר מוזט דאך לעבין, אויך סטארען זיך געזונד צו ווערין, אום איהר זאלט זייא קענין ערקלערין דעם גאנצען אונגליק, וואס דא האט געטראפין...

הא! וואס! ענטפערט זייא שוואך, יע, איהר זייט גירעכט, איך דארף נאך לעבין... איינינע שטונדען אום איך זאל זייא קענען זאגין

אז

אז איך האב גיהאט... אשרעקליכע אירטהום.. וועל זיי בעטין זייא זאלין מיר פערצייהען דיזע זינדע פאר מיין טויט...

רעדט ניט פון טויט, טייבעלע, איך וועל אייך שיטצען ביז מיינע לעצטע קרעפטין, זאגט ער.

איך דארף ניט קיין... שיטץ.... פאר מיר איז אלעס אויס, איך דארף נאר האבין דיא פערצייהונג פון יענע, וואס איך האב אונגליקליך גימאכט.

דאס וועט איהר האבין, — איך וועל רופין אדאקטער, וועל זעהען איהר זאלט פאלקאמען גיזונט ווערין; דער ווייל וועל איך זעהען אויף צו זוכין אייער מערדער, וועל פאהרין אין זיין שטאדט, איך וועל איהם געפינען ניט אנדערס, אונ איך וועל איהם נייטען, ער זאל מיט אייך חתונה האבין, אדער איך וועל איהם אוועק געבין פאדסוד; איך מוז זיך אן איהם רעכען, טייבעלע, זייט נאר רוהיג אונ רעכינט מיך פאר אברודער.

א, איך וואלט זיך קענען חאטץ פארין טויט אברעכענען מיט מיין בעטריגער! זאגט זיא מיט אזיפץ.

איהר וועט געוויס אן איהם נקמה נעהמען, טייבעלע; נאר זייט רוהיג, שטארעט זיך צו שטארקין, איך שיק שוין נאך דעם דאקטער; איהר מוזט זיין גיזונט אונ איהר וועט זיין גיזונד, איך בעט אייך, האלט מיך פאר אברודער.

נו אדאנק דיר ליבער ברודער, זאגט זיא איהם געבענדיג דיא האנד; איך זעה, אז דוא רעדסט פון הארצין, איך גלויב דיר, דען דוא פערלאנגסט קיינע בעלאהנונג; דוא טהוסט נאר אויס מענשענ-פריינדשאפט, איך פערצייהע דיר דיין אירטהום, וואס דוא האסט גיהאט אונ אין וועלכין דוא האסט מיך ארייין גיבראכט, דוא ביזט אגוטער מענש, דוא האסט מיר קיין שלעכטעס ניט גימיינט.

נו אדאנק דיר, ליבע שוועסטער, פאר דיינע גוטע מיינונג, וואס דוא האסט וועגין מיר.. נאר שמיינג דיך ניט אזו פיל אן, טייבעלע; דוא ביזט אזו שוואך אונ קראנק, רייד ווייניגער אונ פארלאז זיך אויף דיין ברודער, וואס וועט דיך שיטצען מיט אלע קרעפטין.

ער האט אנגעקלונגען, עס איז ארייין דער דינער, ער האט איהם גיהייסין ברייגען דעם דאקטער פריימאן, ניט אנדערס, דער דינער איז אוועק גיגאנגען, אונ זיא האט עטוואס איינגעשלאפען,

און ער איז ארום גיגאנגען טראכטענדיג מיטלען, וויא דעם יאקאב צו בעקומען און וויא איהם צו צווינגען, ער זאל מיט איהר הייראטען.

אין אהאלבע שטונדע ארום איז גיקומען דער דאקטער פריא-מאן, ער האט בעטראכט דיא קראנקע, קוועצט ער מיט דיא פלייצעס און זאגט; וואס טהוט זיך דא! עפעס איז היינט אטאג פון איין זארט קראנקע, אלע אנגעגריפען פון גרויס פערדרוס, פון הארצווייטאג און פון קאפף שווינדעל, איך קום ערסט פון הויז ראזענשטאק, דארטען האב איך דרייא פאציענטין פאכט פון איין קראנקהייט.

איהר קומט ערסט פון הויז ראזענשטאק, הערר דאקטער? רופט זיך אב טייבעלע העכסט באוועגט; וואס מאכט דיא כלה? וואס מאכט איהר פאטער, מוטער?

זיא וועלין זיין גיזונד זאגט פריימאן; נאר וואס אינטרעסירען זייא אייך אזוי?

זייא אינטרעסירען מיך זייער, הער דאקטער זאגט זיא, דען איך בין דיא אורהעבערין פון זייער אונגליק; איך בין שולדיג און איך וויל לײדין פאר זייא.

וויא? פרעגט דער דאקטער, איהר זייט דאס יענע פערזאן וואס...

וואס האט געמאכט דעם שקאנדאל אונטער דער חופה, זאגט זיא, נאר איך האב זיך שרעקליך גערט, הערר דאקטער, דער מענש איז ניט מיין בעטריגער; ער איז נור ערנליך און דיזע ערנליכקייט האט מיך גיפיהרט אין אונגליק...

שטייטם! האט גיוועלט אנהייבען דער דאקטער שרעקליכע מארווירפע צו מאכען...

ערלויבען זיא הער דאקטער, רופט זיך אב הימן, איידער איהר וועט איהר פארווירפע מאכין, מוסט איהר איהרע געשיכטע וויסען. און גלייך האט ער גענומין ערצעהלען אלעס, וואס מיט איהר האט פאסירט פון אנפאנג ביז ענדע. דער דאקטער האט אויס גיהערט מיט דער גרעסטע אויפמערקזאמקייט און זאגט; אייער לאגע פריילין, איזט העכסט בעדויערנס ווערטה, מיר מוזען מיטלען זוכען, אייער לאגע צו פערבעסערן...

פריער פאר אלעס מוס איך לויפען צו הערין ראזענשטאק און צו זיין הרן, זייא פאלען צו דיא פים און בעטין אום פערציידונג

פאר

פאר דעם אונגליק, וואס איך האב זייא גיבראכט.

ניין, דאס ניט, זאגט פריימאן איהר אליין זאלט ניט גיין, ערשטענס קען דאס אייך שאדען צוא אייער געזונד, און צווייטענס קען דארטין ווערין אגאנצער שקאנדאל; אקלייניגקייט, עס וועלין צו נויף לויפען מענשין, דיא וועלין אייך ווער ווייסט וואס טאן. איך וועל דאס אליין ראזענשטאק זאגין, וועל איהם נאך מאכין אפארעדע, אום ער זאל ניט זיין העכסט אויפגעבראכט, און ער זאל אויס הערין דיא געשיכטע געלאסין און דיא זאך זאל ווערין ווידער גוט.

אגרויסען דאנק אייך, ליבער העער דאקטער, זאגען הימן און טייבעלע אויף אמאל.

זייט רוהיג, זאגט פריימאן, עס וועט שוין ווערין רעכט, איך פאהר שוין צוריק, וועל זייא אנזאגען דיא שמחה, און דיזע נאכ־ריכט וועט זייא גיבער ווידער הערשטעלען וויא אלע מיינע מע־דיצין, און מארגען פריה וועט דא זיין ראזענשטאק און פיליבט וועל איך אויך זיין דער בייא אום אים פון כעס אב צוהאלטין, אויב ער וועט זיין בעוועגט, דער ווילע נאט אייך מעדיצין, און זעהט און זעהט זיך צו שטארקען; מיר וועלין שוין זוכען מיטלען אייער לאגע צו פערבעסערן. מיט דיא רייד האט ער אנגעשריבען ארעצעפט, און איז ארויס גיגאנגען.

9.

אלעס ווערט קלאר.

אויף מארגען אין דער פריה איז הימן אוועק געגאנגען, ער האט גיזאגט: איך וועל ניט קענין גלייכגילטיג קוקען אויף דעם מענשין, וואס האט מיך אזו בעליידיגט, וואס האט מיך אוים גע־בראקירט, האט זיין טאכטער אוועק גיגעבין איינעם אנדערן.

טייבעלע איז געבליבען אליין אין צימער, זיא האט זיך גע־פיהלט בעסער אין געזונד, און האט זיך נאך בעמיהט צו פאסען מוטה אריבער צו טראגין דיא קריטישע מינוט, ווען זיא וועט ראזענשטאק בעטין אום פערצייהונג, און האט זיך שוין בערייטעט

אריבער צו טראגין אלע שטרענגסטע פארווירפע, וואס ער וועט
איהר מאכען.

עס האט זיך געפינט דיא טהיר, עס איז אריין דער דאקטער פריימאן אונ כתריאל ראזענשטאק. וויא זיא האט זייא דער זעהן, איז זיא האסטיג אראב געשפרונגען פון בעטל, איז געפאלען אויף דיא קניע, האט גענומען קוסען דיא פיס ראזענשטאקען אונ האט גענומען טענען: ערבארמט, הערר ראזענשטאק, פערצייהעט מיר וואס איך האב אייך אזו פיל אונגליקען פערשאפט. איך בין שולדיג, איך בין שולדיג, טהוט מיט מיר וואס איהר ווילט.

אום געטעס ווילען! שרייט פריימאן, שטרענגט זיך ניט אן, פריילין, עס קען אייך שאדען אין אייער געזונדהייט. אונ מיט דיא רייד האט ער זיא געצוואונגען צו זעצין זיך.

איך פערצייהע דיר, ליבעס קינד, רופט זיך אב ראזענשטאק. הערר פריימאן האט מיר דער ציילט, וויא איינער האט אייך בע-טראגען אונ אונגליקליך גימאכט. אייער לאגע איז זעהר שרעק-ליך; עס וואלט קיינער אנדערש ניט טאן, איבער הויפט נאך אז דיא אהנליכקייט האט אייך פערפיהרט; איהר האט דאך דאס ניט געטאן אוים באזהייט... זייט רוהיג. איך בין ניט גיקומין אהער, אייך פארווירפע צו מאכין. דער הערר דאקטער האט מיר שוין אלעס ערצעהלט, אונ בייא מיר אין מיין הויז איז שוין דיא רוהע ווידער הערגישטעלט; איך האב שוין געשיקט אן זאגען מיין חתן, אז אין דער וואכע איז פאר גיפאלין איין אירטהום, אונ מען קען שוין היינט מאכען דיא חופה; דיא כלה איז שוין אויך געזונד. איך בין נאר גיקומין אהער, ליבעס קינד, מיט דיר דורך צו ריידען זיך, דער דאקטער וויל מיר זאלען אלעס אנווענדין אייער לאגע צו פערבעסערן, אונ איך וויל דאס פון הערצין גערן.

א גילויבט איז גאט! זאגט טייבעלע אויפהייבענדיג דיא הענד, גילויבט איז גאט, וואס ער האט מיר צו געשיקט גוטע מענשין, אונ ווער עס האט גיזאלט זיין מיין שונא איז גיווארען מיין גוטער פריינד.

ווער איז אייער בעטריגער? פרעגט ראזענשטאק.

יאקאב קארשון אוים קיסנעמיר...

א, רופט זיך אב ראזענשטאק, איך מוז איהם קענין, דאס

מוז זיין שמואל קארשונס אזון , דער שמואל איז ניט לאנג געֿ שטארבין אונ דעם זון האט געוואלט בלייבען אשיינע ירושה אמויער מיט אראד קראמען . יע , דאס מוז ער זיין , דען ער איז אבן יחיד אונ פון דיא בני יחידים טרעפט אפט געראטענע קינדער . נו דעם סוחר וועלין מיר געפינען , היינט זאג מיר טאכטער , ווער ביזטו ? וויא קומסטו צו איהם ? אדער ער צו דיר ?

איך בין ניט אהיגע , זאגט זיא , איך בין פון פאלטאווע ... מיין מוטער איז פאר איאהרען געשטארבין מיין פאטער האט זיך ניט געקענט טרייסטען נאך איהר .. איך בין איהם געבליבען איין איינציגע ... ער האט זיך ניט געקענט פון מיר שיידען , זא האט ער מיך מיט גענומין אויף זיינע רייזען ... א מיין ארמער פאטער ! וויא ער האט מיך געליבט ! ... א אז ער וואלט זעהן מיין יעצטיגע לאגע , וואלט ער נאך אמאל שטארבין קוקענדיג אויף מיר .

אייער פאטער איז דען געשטארבין פרעגט ראזענשטאק .

מיין ארעמער פאטער איז געשטארבין פאר דער צייט איבער אגרויסין באנקראט .

אבאנקראט זאגט איהר ! גיט אגעשרייא ראזענשטאק העכסט בעוועגט ...

יע , מען האט איהם אנגעזעצט 24 טויזנד רובל אונ איז דאדורך פלוצלונג געשטארבין .

וויא האט מען איהם גירופין ? פרעגט ראזענשטאק ציטערענדיג צו ניט אליקום ?

יע , מיין העררֿ . אליקום שטערין .

אליקום שטערין איז דיין פאטער געוועזן !! גיט ער אגעשריי מיט אהייזערע שטימע אונ מיט טרערין אויף דיא אויגין ... ער איז דאך געוועזן מיין בעסטער גוטער פריינד ... וויא פיל טובות האב איך דאס געהאט פון איהם ... אומארמע מיך , מיין טאכטער , איך וועל דיר זיין אפאטער ! ... אטרייער פאטער כל זמן איך וועל לעבין ! מיט דיא רייד האט ער איהר אום געארעמט אונ האט גינומען ווייגען וויא אקליין קינד .

טייבעלע האט אויך גיוויינט פאר פריידע , אונ פריימאן האט פון ווייטען צו גיזעהען דיא ריהרענדע סצענע מיט טרערין אויף דיא

אויגען , עס וואר איינע פויזע .

פון דיין פאטערס באנקראט און פון זיין שטארבען האב איך ערסט ניט לאנג דער וואוסט , האט אנגיהייבן ווייטער ראזענשטאק , איך האב איהם בעוויינט וויא א ברודער , און איך האב זיך גינומען דאס לעבין , וואס איך האב ניט גיוואוסט פון זיינע שלעכטע לאגע , איך בין אפילו ניט קיין גביר , אבער דאך וואלט איך איהם ניט לאזין פאלין איך וואלט אנגווענדען אלעס מעגליכע פון זיינט וועגין , א וואס טובות דער מענש האט מיר גיטאן , זאגט ער צום דאקטער ! איין מאל האט ער מיך ארויס גינומען פון אנגלאזינע פרעכטופלעניע אונ איין מאל האט ער מיר גלאט אויס גיהאלפין אין געלט אונ האט מיך גישטעלט אויף דיא פיס , מיין איינציגין שטאנד האב איך נאר איהם צוא פאר דאנקען , א גילויבט איז גאט , וואס ער האט מיר גיגעבין געלעגענהייט זיך עטוואס דאנקבאר געגין מיין גוטין פריינד צו ווייזין , גענוג מיין טאכטער , דוא זאלסט שוין דא מעהר ניט זיין ; דוא וועסט זיין בייא מיר , ביז איך וועל בעקומען דעם שקין דעם יאקאבען , אונ דאן וועל איך דיך אויך שיטצען , נו מיין טאכטער , איך וואלט וועלען , דוא זאלסט שוין מיט מיר אוועק פאהרין צו מיר אהיים , איך וועל דיר אפ געבין איין אפארטען צימער ; דוא וועסט זיך גוט ערהאלין פון דיינע שווערע צייטין , וואס הערר דאקטער ? קען זיא פאהרען ?

זיא קען געוויס פאהרען , זיא איז אייגענטליך ניט קראנק ; זיא איז מעהר ניט צו טריוואזעט .

איך דאנק איך זייער ליבער פריינד , זאגט טייבעלע ; איך נעהם אייער פריינדשאפט אן מיט דיא גרעסטע פריידע ; דעסטא מעהר וואס איהר זייט מיין פאטער איין גוטער פריינד , נאר איך קען ניט אוועק פון דאנען אהנע אב צו דאנקען אמענשען , וואס האט מיך געשטיצט דא אין דער פרעמד אונ האט מיך גערעטעט פון טויט .

געוויס דארפסטו איהם אב דאנקען , מיין טאכטער זאגט ער , ווער איז דאס דער יונגער מאן ? וויא קומט ער צו דיר ? וויא אזו האט ער דיך גירעטעט פון טויט ?

ער האט מיט זיינע אויגין גיזעהען , וויא דער יאקאב האט מיך אוועק גיווארפין ; ער האט מיט זיינע אויגין גיזעהען וויא איך האב

זיך

זיך געווארפען אין טייך און האב מיר געוואלט דאס לעבין גענומען פון עלענד און פון גראם, — זא האט ער זיך אנגינומען פאר מיר און ער שטיצט מיך וויא א ברודער.

איך וואלט איהם וועלין זעהען, זאגט ראזענשטאק, איך וויל איהם אויך דאנקען פאר דאס גוטע, וואס ער האט דיר גיטאן, אבער וואו איז ער?

ער וועט באלד קומען זאגט זיא, שטאמלענדיג... אבער... וואס טהוא איך? קלערט זיא ביי זיך, וויא זאל איך איהם זאגען, ווער ער איז... דא וועט ווערין אגאנצער טומיל...

עס עפינט זיך פלוצלונג דיא טהיר, עס האט זיך באוויזין הימן, ער האט גיוואלט גיין צוא ריק, איז שוין אבער גיוועזן צוא שפעט; ראזענשטאק האט איהם שוין גיהאט דער זעהען...

אט דאס איז מיין וואהלטעהטער, זאגט טייבעלע ווייזענדיג אויף הימן.

אט דער יונגער מאן! גיט אגעשרייא ראזענשטאק... שא, וועמען זעה איך? דאס איז דאך הימן מיין מינדרעלעס חתן!...

הימן איז גיבליבין שטיין וויא אשטאטויע, האט ניט געוואוסט וואס צוא טאן.

וואס שטייסטו, מיין זון? דוא דער קענסט מיך ניט? איך בין דאך דיין מחותן כתריאל, קום, אומארמע מיך מיין זון... שטייטס! דוא ביזט היא פון געכטין אן, און ביזט נאך בייא מיר ניט גיוועזן; נוא וואס שווייגסט דוא, הימן?

איהר האט גאר ניט פון וועמען צוא לאבען? זאגט הימאן מיט ערגער.

וויא וויא הייסט עס! האט ראזענשטאק גינומען שטאמלען און אוים שטעלין דיא אויגען מיט פערוואונדערונג, ווא ווא וואס רעדסטו? וואס לאבען? וועע וועער לאבען?

וויא איהר האט גאר פאר געסין, אז איהר מאכט חתונה אייער טאכטער? פרעגט הימן.

געוויס מאך איך חתונה מיין טאכטער, נו?

איך פאר שטייא גאר ניט, זאגט הימן מיט ערגער, אייך איז טאקע וואהרשיינליך זייער אנגעהנעם צוא לאבין פון איין עלענדען יונגען מאן, וואס האט אייך קיין שלעכטעס גיטאן, ווייניג וואס איהר

האט

האט מיך בעליידיגט, זייט איהר גיקומען נאך אהער לאבין פון מיר? פאלנא, העדר ראזענשטאק, ניט פאר אייערע יאהרען איז צוא פידרען אזעלכע גישעפטין.

וואס הער איך דא! שרייט ראזענשטאק אין פערוואונדערונג. וואס טהוט זיך דא?... אדער איך הער ניט וואס ער רעדט, פיליכט איז שוין גישטערט מיין חוש השמיעה, אדער... דער יונגער מאן רעדט אויסען זינען.

איך בין ביין פאלעם זינען, זאגט הימן, איך ווייס גאנץ גוט וואס איך רייד: איהר האט מיך זעהר בעליידיגט, זעהר גראב, זעהר געמיין, העדר ראזענשטאק.

דא איז געוויס גיוועזן עטוואס ארכילות, אלשון הרע, א וואס שונאים קענען אבטאן!

וואס דארפט איהר ריידען וועגין שונאים? אז איך האב אליין גיהערט געכטין וויא מוזיק האט געשפילט, וויא מען האט אייער טאכטער געפידרט צו דער חופה.

נו מיט וואס האב איך דאס דיר אזו בעליידיגט, אז איך מאך חתונה אטאכטער.

וויא גיפעלט אייך ניט בעליידיגט! שרייט הימן: איך זעה זיך מיט אייער טאכטער, מיר גיפעלען זיך איינאנדער; איהר זייט געפאהרען מיר זעהען, איהר האט נאך גיפרעגט אויך וועגין מיר; אלע זאגען גוט; איהר שיקט נאך מיר אבריף איך זאל קומען אויף תנאים.

יע, זאגט ראזענשטאק.

איך האב זיך פערזאמט אין וועג אפאר טעג, מיט אמאל קום איך צוא פאהרען, איך געפין מען גיט אוועק מיין כלה איינעם אנדערן, הא!

איין אנדערן! גיט אגעשרייא ראזענשטאק, ווער זאגט דאס! וועמען!

שטייטס! אט מאיר וויסבערגען! שרייט הימן.

וויסבערגען! גיב איך דאך מיין עלטעסטע טאכטער. זאגט ראזענשטאק.

איהר האט דען נאך אטאכטער? פרעגט הימן פערוואונדערט.

געוויס, זאגט ראזענשטאק. איך האב צווייא טעכטער אויף

לאנגע

לאנגע יאהר; דיא עלטערע דבורה פון מיין ערסטע ווייב עליה השלום, אונ דיא צווייטע מינדעל פון דער צווייטער פרויא.

אזו! איהר האט גאר צווייא טעכטער, זאגט הימן אין דער שטיל, דאס האב איך גאר ניט געוואוסט. ווארום האט דאס מיר מינדל ניט גיזאגט? זיא האט נאך, פארקעהרט, וויא פיל מאל זיך אויס גערעדט, אז זיא איז איין איינציגע ביין פאטער.

דאס האט זיא געווים געמיינט, וואס זיא איז אליין ביא מיר; דען מיין עלטערע טאכטער האט זיך ערצויגען ביא איהר זיידען אין מאגעלישאק. דארטען בין איך געוועזען פאר אפאר וואכען צוריק, האב גיזעהן דעם וויסבערגען, ער איז מיר גיפעלין גיווארען, אט האב איך געשיקט דוא זאלסט קומען אויף תנאים, עס האט גאר ניט איינגעם צו דאס אנדערע.

שטייטס! זאגט הימן, געכטין אז איך האב אייך געשיקט אן זאגען, אז איך בין גיקומען, שיקט איהר מיר אנזאגען דורך שמעיה תנחום, אז קיין תנאים וועט ניט זיין, היינט איז חתונה מיט איין אנדערין...

וואס אפיאניצע ניט קען! שרייט ראזענשטאק. וויא עס איז אנגעקומען אייער צעטעלע, שיק איך איהם אייך זאגען, אז קיין תנאים קען היינט ניט זיין, ווייל עס דארף זיין פריער חתונה ביא דבורה'ן אונ דיא תנאים מיט מינדלען וועט קענין זיין מיט אפאר טעג שפעטער, איך האב נאך אייך געלאזט אן זאגין, אז איהר זאלט זיין אויף חתונה.

דאס האט ער מיר טאקע גיזאגט, אונ איך האב דאס אנגענומין פאר אבעליידיגונג, אז מען לאכט מיך נאך אויס; מען גיט אוועק איין אנדערין מיין כלה, אונ מען בעט מיך נאך אויף חתונה. אי אי אי! איך האלט ניט אויס! וואס פאר אשרעקליכער טעות דא איז גיוועזען, וואס צרות, וואס הארץ ווייטאג דאס האט מיר געמאכט! איך בין גיוועזען אקראנקער געכטיגען טאג, אונ אלם איז שולדיג דער שכור, דער שמעיה תנחום...

עס קען זיין, אז ער האט אויך ניט געוואוסט, רופט זיך אב פריימאן, אונ ער האט אויך געמיינט, אז איהר האט איין טאכטער דיא דבורה'ן, היינט אז ער האט דער זעהען, דא איז איין אנדערער חתן, האט ער נאהרשיינליך גירעכינט, אז איהם לוינט ניט, איהר

זאלט

זאלט זיך פאר זייא היטען. עס זאל ניט זיין אשטער צו זיין ברויט. איהר קענט ניט דיא שדכנים?

עס קען זעהר זיין, זאגט הימן, אז ער האט אזו גירעכינט. דען דער טאן פון זיין ריידען איז גיוועזן, וויא זיין חתן האט דאס בעטרעטין מיינע שטעלע. אוי אוי אוי! איך האלט ניט אויס. וואס צרות, וואס הארצווייטאג איך האב געהאט!

לאמיר שוין פאהרען צו מיר אהיים, זאגט ראזענשטאק; דוא וועסט מינדלען גאר מחיה זיין. איך האב גיהאט פון איהר נעכטען אשווארצען טאג, זיא האט איינינע מאל געחאלעשט, אויס וועלכע אורזאכע ווייס איך ניט; איך ווייס נאר אז מיר האט נעכטין אבגעקאכט אפינאוצוואנציגער דאקטורים מיט מעדיצין, וואס פאר אטרויעריגען טאג איך האב נעכטין גיהאט, זאל זיך ניט אומקעהרען, רבונו של עולם!

מינדל האט נעכטין געחאלעשט! זאגט איהר? שרייט הימן. וואס קען דאס זיין? פון וואס? וואס מאכט זיא איצטער? איך מוז שוין לויפען זעהען, וואס זיא מאכט.

זיא איז איצטער בעסער, זאגט ראזענשטאק; לאמיר שוין פאהרען. איך רעכין, וויא דוא וועסט קומען, וועט זיא פריש אונ געזונד ווערין. נו טייבעלע, קלייד זיך אן.

איך קען דיר זאגען גוטע נייס, ברודער הימן, זאגט טייבעלע זיך אנקליידענדיג... אט דער גוטער העדר ראזענשטאק איז מיין פאטערס אגוטער פריינד אונ ער נעהמט מיר צו זיך.

א זאגט הימן, עס פרייד מיך זעהר, אז דיינע גוטע פריינד מעהרען זיך, אונ מיר וועלין אלע מיט פעראייניגטע קרעפטין זוכען דיינע לאגע צו פערבעסערן.

א, מיין ליבער הימן, זאגט ראזענשטאק איהם דריקענדיג דיא האנד, איך דאנק דיר מיין זון, פאר דיא מענשענפריינדשאפט אונ גוטהערציגקייט, וואס דוא האסט בעוויזען דער טאכטער פון מיין בעסטין פריינד אליקום שטערן ז"ל. א היינט איז פריידען איבער פריידען: מיין דבורהלע איז בערוהיגט, מיין מינדעלע וועט באלד ווערין בערוהיגט אונ אויסער דעם בין איך העכסט פערגעניגט, וואס איך קען זיך ווייזען גוט געגען דיא טאכטער פון מיין גוטען פריינד.

נוא קליידעט זיך אן ראשער, זאגט הימן ; גאר ניין, איך וועל פריער אריבער פאהרען, אונ אידר קענט זיך נאך דעם אונטער קומען. מיט דיא רייד איז ער ארוים.

10.

דער פערדאכט (חשד).

יעצט, מיין ליבער לעזער, איידער מיר וועלין מיט געהן מיט דיזע לייט נאך הויזע ראזענשטאק רעבין איך, מיר זאלען זעהן, וואס האט זיך געטאן מיט מינדעלן אונטער דער גאנצע צייט ; איהר געשיכטע האט פיל אינטערעסאנטעס פאר דעם לעזער, דער ווייליע וועט אונז רעכט ווערין אסך זאכען, וואס אונז איז ביזהער אונבעגרייפליך גיוועזען.

דעם לעזער איז שוין גיווים בעוואוסט, אז דיא בעקאנט־שאפט פון הימן מיט מינדלען שטאמט פון אהתונה, וואו זייא זיינען ביידע גיוועז אין אשטעטל. זייא האבין זיך גיזעהן, זיינען זיך איינאנדער גיפעלין גיווארען, האבין אבגירעדט צו חלאפאצען, זייער בונד זאל אויפגעבויט ווערין אונ האבין זיך גישווארען, וויא דיא מאדע איז, אין עוויגע טרייע. גלייך דארוף האט הימן גע־שיקט אשדכן צו איהר פאטער כתריאל ראזענשטאק, איהם איז רעכט גיווארען, האט נאך אנגעפרעגט וועגין איהם, איז געפאה־רען איהם זעהען אונ האט איהם פערשפראכען צו שיקען אידיעה. אין איינגע טעג ארום בעקומט הימן אבריף ער זאל קומען אין קרובסק אויף תנאים, אונ דאס איז ער גיפאהרען, וויא מיר האבין גיזעהען ביין אנפאנג פון אונזער ערצעהלונג אפען וועג, וויא מיר ווייסען, וואר הימן געצוואונגען אין אהויף אב צו זאמען אפאר טעג, דען דאס געלד, וואס ער האט גידארפט נעהמען, האט דער פאמעסציק גלייך ניט גיהאט ; ער האט געמוסט שיקען לייען ביייא ארומיגע שכנים, אונ דאס האט געפאדערט צייט. דער ווייליע האט הימן ניט גיקענט קומען צו דער צייט, וואס ראזענשטאק האט איהם אויף גיווארט ; קיין בריף האט הימן אויך ניט גיקענט שיקען, ווייליע דיא פאסט געהט דארט נור צוויא מאל

אַוֶועקָ, זָא נָואלְט זַיין בְּרִיף סַייא וְויא סַייא. אָנְקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער פַאר אִיהם.

דֶער וַוייל אַז הימאן קוּמְט נִיט צוּא דֶער צַייט, אִיז גִיוָואַרֶען ראזענשטאק אוּנְרוּהִיג, אוּנ נָאךְ מֶעהר אִיז גִיוָוארִין אוּנְרוּהִיג מינדעל װֶער וַוייסְט פַאר וָואס קוּמְט עֶר נִיט? צוּ אִיז עֶר נִיט קְרַאנְק גִיוָוארִין? צוּ הָאט עֶר נִיט חֲרָטָה אוֹיף דֶעם שִׁידוּךְ? צוּ הָאט זִיךְ נִיט גִיטְרָאפִין אַיין אַנְדֶערֶע אוּרְזַאכֶע? אָדֶער פִילַייכְט הָאט עֶר גִיקְרָאגִין אַיין אַנְדֶער שִׁידוּךְ, אַזֶעלְכֶע גִידַאנְקֶען הָאבִּין אִימֶער גִיקְוֶועלְט מינדלען, וֶועלְכֶע הָאט אִיהר חָתָן רֶעכְט לִיבּ בֶּעקוּמֶען, וֶועלְכֶע הָאט גִירֶעכֶנְט, אַז אָן הימן קֶען זִיא נִיט גְלִיקְלִיךְ זַיין, אָן הימן קֶען זִיא נִיט לֶעבִּין. זִיא הָאט גִיזֶעהֶען אַז אַמַאן מִיט אַחאַראַקְטֶער וְויא הימנס קֶען נוּר אַפְּ־וִיא גְלִיקְלִיךְ מַאכִין, אוּנ דָאס הָאט זִיא וִוירְקְלִיךְ עֶרְרַאטְהֶען, דֶען דֶער לֶעזֶער הָאט שׁוֹין גֶעווִיס דֶעם הימן קֶענֶען גִילֶערִינְט, וָואס פַאר אַפַיינֶער מַאן דָאס אִיז, וְויא עֶר הָאט פֶערְגֶעסִין וֶועגִין זִיךְ אִין גַאנְצֶען אוּנ הָאט זִיךְ אַזוֹא מֶענְשֶׁענְפְרַיינְדְלִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע טַייבעלע, וֶועלְכֶע אָן אִיהם וָואלְט שׁוֹין גֶעווִיס לַאנְג גִיוֶוען אַדֶערְטְרוּנְקֶענֶע אָדֶער אַזוֹ פוּן הוּנְגֶער אוּנ פוּן עֶלֶענְד גִישְׁטָארְבִּין.

אַלְזָא הָאט מינדל גֶעהַאט פִיל אוּרְזַאכֶע אוּנְרוּהִיג צוּ זַיין, דֶער וַוייל אִין דִיא פַאר טֶעג זַיינֶען אָנְגֶעפָאהרֶען אִיהר שְׁוֶועסְטֶער דבורה וָואס הָאט זִיךְ עֶרְצוֹיגֶען בַּייא אִיהר גְרוֹיס פָאטֶער אִין מַאגֶעלִיסָאק, וְויא מִיר וַוייסִין שׁוֹין, אוּנ אִיהר חתן מאיר ווייסבערג אוּנ נָאךְ מְחוּתָּנִים אוֹיף חֲתוּנָה וָואס וַואר אָבְּגִירֶעדְט עֶס זָאל זַיין אִין קרובסק בַּייא אִיהר פָאטֶער כתריאל ראזענשטאק, מֶען הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען בֶּערַייטֶען צוּא דֶער חֲתוּנָה, אוּנ מינדעל אִיז זִיךְ פוּן דֶעסְט וֶועגִין אוּנְרוּהִיג.

אִין אַפָּאר טֶעג אַז הימן אִיז אָנְגִיפָארִין שִׁיקְט עֶר אַרַיין אַצֶעטֶעלֶע צוּם מְחוּתָּן, אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּנ עֶר פְרֶעגְט ו׳יא זַייא זָאלֶען זִיךְ זֶעהֶען, צוּ עֶר זָאל קוּמֶען אַהִין, צוּ דֶער מְחוּתָּן צוּ אִיהם, דֶען עֶר הָאט נִיט גִיוָואלְט קוּמֶען פְּלוּצְלוּנְג, דֶעם זֶעלְבֶּען טָאג וַואר בֶּעשְׁטִימְט עֶס זָאל זַיין דִיא חוּפָּה פוּן דֶער עֶלְטֶערֶע טָאכְטֶער דבורהן, אוּנ צוּ לִיבּ דִיא חֲתוּנָה אִיז אַגְרוֹיסֶער טוּמֶיל אִין שְׁטוּב.

וְויא עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער צֶעטֶעלֶע פוּן הימן הָאט זִיךְ ראזענשטאק זֵייעֶר עֶרְפְרֵייט אוּנ מינדעל וְויא גִיוֵוינְלִיךְ נָאךְ מֶעהר;

דען וואס קען זיין אבעסערע פריידע וויא אגעליבטער קומט? יעמאלט איז גראד געזעסין שמעי' תנחום אונ האט ברכה געמאכט, ער איז דאך אשדכן ....

ראזענשטאק מיט דער פרויא אונ מיט דער טאכטער האבין זיך דער ווייליע מישב געוועזן וויא זאל זיין; רופען איהם גלייך אהער — איז דא אגרויסער טומיל אין שטוב, פאסט ניט, איז געבליבין, מען זאל איהם שיקען אנזאגין אז דא איז היינט אחתונה ביא דער עלטערער טאכטער קען דיא תנאים היינט ניט זיין מוז מען אבלייגין מיט אטאג שפעטער, דער ווייליע איז ער געלאדען אויף חתונה, אונ דער מחותן ראזענשטאק וועט באלד קומען אין אשעה ארום צוא איהם.

דיזע שליחות (מיכיאן) האט מען איבער געגעבין שמעי' תנחום ער זאל גיין דאס זאגין הימאנען, וויא שמעי' תנחום האט אויס געפיהרט זיין מיסיאן ווייסען מיר; ער האט פאר געסין צו זאגען דעם ווארט; עלטערע טאכטער, דעם ווארט; אבלייגען דיא תנאים, אונ אז דער מחותן וועט קומען צוא איהם. — צו ער האט זייא ווירקליך פאר געסין ווייליע ער וואר גוט אנגעגאסין מיט דעם ביטערין טראפען, צו ער האט דאס ניט דער הערט אויך אוים דער זעלבען אורזאכע, דאס ווייסין מיר ניט; מיר ווייסען נאר, אז ער האט דאס ניט געזאגט הימאנען אונדאדורך איז געווארין אגרויסע טריוואגע אונ האט פערארזאכט, דורך דיא פאר ווערטער זייער פיל אונגליקין.

מינדעל איז געבליבין דער היים רעכט פריילך; איהר חתן איז דא, היינט וואס דארף זיא מעהר? זיא האט זיך גענומען אנקליידען צו דער חתונה, אונ וואר העכסט פערגעניגט מיט דעם גידאנקען; וויא זיא וועט דאס איהר הימן אין דיזע נייע קליידער גיפעלין זיין, וויא ער וועט טאנצין מיט איהר אויף חתונה, וויא זיא וועט אויף איהם שטאלצירין געגין אלע איהרע פריינדין, וועלכע וועלין איהר געוויס בענידען (מקנא זיין) אזא חתן, זיא האט זיך גישטעלט אין פענסטער אונ קוקט דרויסען פאל פערגעניגין, מיט אמאל; א הימעל! וועמען זעהעט זיא דא? איהר הימן איז פאר ביא גיפאהרען אויף איין איזוואסציק געארעמט מיט אפריילין!

דער לעזער וועט זיך געוויס עראינערין, אז דאס איז הימאן גיפארין מיט טייבעלען פון טייך, וואו זיא האט זיך גיוואלט טרינקען,

זיא

זיא וואר שוואך אונ העכסט בעוועגט, האט ער זיא צו געהאלטען, וואס האט אויס געוויזען זיא געארעמט, ווער קען זיך פארשטעלען, וואס פאר איין אודאר דאס איז געוועזען פאר מינדלען! זיא האט גינומען לויפין איבערין שטוב ברעכען דיא הענד, אשטראם טרערין איז ארויס פון איהרע אויגין; שטייטס! רעדט זיא צו זיך, הימן זאל פאהרין מיט אפריילין אונ געארעמט... אין מיטען העלען טאג... אונ נאך פאר בייא איהר פענסטער! וואס קען דאס בעדייטען; וויא קומט ער צו אזא פרעכהייט?... הימן זאל האבין אגעליבטע!... אונ נאך ווען? ווען ער קומט אויף תנאים מיט מיר!... שרעקליך, שרעקליך!

זיא האט שוין גינומען פון זיך אראב ווארפין דיא קליידער דיא גוטע אונ האט גינומען וויינען... נאר פילייכט איז דאס ניט הימן? איז איהר ארויין גיפאלין אגעדאנקען, מען מוז זיך איבער צייגין, זיא האט אויף זיך ארוף גיווארפין אפאצײלע, האט מיט גינומען די הויז מיידיל, האט זיך מיט איהר גיזעצט אויף איין איזוואסציק אונ איז אוועק גיפאהרען צום האטעל איראפע, זיא איז גיבליבין שטיין דרויסין אונ האט אריין געשיקט די מיידעל, זיא זאל זעהען וואס טהוט הימן.

דיא מיידיל איז ארויף גיגאנגען אין איינינע מינוטין איז זיא אראב גיגאנגען אונ זאגט איהר; זיא האט גיזעהען דורך דיא לאך פון שליסיל, וויא אפרויענצימער ליגט אויף אבעטיל אונ דער בייא זיצט איונגער מאן אונ זייא ריידין זייער פריינדליך; צו דאס איז הימן, וייס זיא ניט, מינדלען האט זיך גישטעלט דאס האר פון שרעקין, דאס הארץ האט איהר גינומען קלאפען, אלע גלידער האבין גינומען ציטערין, זיא האט זיך גוט איינגעהילט אין איהר פאצײלע, מעהר וויא דיא אויגין האבין זיך ניט ארויס גיזעהען, איז ארויף אויף דיא טרעפ, איז צו גיגאנגען צו דעם נומער, וואס דיא מיידיל האט איהר בעוויזען, זיא בייגט זיך איין, הארכט איין אזעלכע ווערטער; טייבעלע איך וועל אייך זיין דער טרייעסטער פריינד, נאר זייט רוהיג! זיא קוקט זיך איין — הימן! אי! גיט זיא אגישרייא אונ אפאטש מיט דיא הענד, עס האט זיך איהר אונטער גיהאקט דיא פיס, איז באלד גיפאלין, דיא מיידיל האט איהר קוים אראב געפיהרט פון די טרעפ, האט גיזעהען קיינער זאל דאס ניט באמערקין, האט איהר אוועק גיזעצט אפין איזוואסציק אונ איז מיט איהר אוועק גיפארין אהיים.

דער

דער לעזער וועט זיך געוויס ערָאיננערין, אז דעם געשריא; אי, אונ דעם פאטש מיט דיא הענד האט הימן אונ טייבעלע גע־הערט. ער איז ארויס פון צימער אונ האט נישט געפונען.

וויא מינדעל איז געקומען אהיים איז זיא אריין אין איהר צימער איז ארויף געפאלין אויף איהר בעטעל אונ האט זיך ביטער פאנאנ־דער געוויינט: א האט זיא גענומען ריידען צו זיך: מיינע אויגען האבין גיזעהן, וויא ער זיצט נעבען איין אנדער פרויענצימער; מיינע אויערן האבין גיהערט, וויא ער האט איהר גיזאגט: איך וועל דיר זיין עוויג טרייא. הימן שווערט אין טרייהייט איין אנדערן פרויענצימער, אונ ווען? — ווען ער קומט צו מיר עס זאל זיין מיט מיר תנאים; ער פערבינדט זיך מיט מיר אונ ליבען ליבט ער איין אנדערע יא וועלכע פאלשקייטען עס גיבט אויף דער וועלט וועלכע האראקטערלאזע מענשין דיא מענגער זיין! ווער קען זיך דאס פארשטעלען אזעלכען העסליכען בעטרוג, אזעלכע נידער־טרעכטיגע פאלשקייט, אונ ווער איז דאס? — הימן, דער מענש, וואס האט מיר געשווארען מיט טרערן אויף דיא אויגען עוויגע ליבע אונד טרייע; דער מענש, וואס איז מיר פארגעקומין אזו אדעל, אזו רעכטשאפען, אזו סאליד! היינט נאך אלעם דעם, וועמין גלויבט מען אויף דער וועלט? אז גירעדט איז ניט גירעדט, אז טרערן איז נור וואסער!... א וויא אונגליקליך איך בין! מיין ליכטיגער העלער טאג, וואס איך האב געהאפט אין אידם זאל זיך גרינגערן מיין עוויגעס גליק, איז מיט אשווארצען וואלקען איבערצויגען; מיינע העכסטע פרייד האט זיך פערוואנדעלט אין דאס טיפסטע לייד, שלעכט, שלעכט!... ניטא קיין ליבע אויף דער וועלט, ניטא קיינע טרייע, אלעס איז נור איללוזיאן, חלומות... וואצו איז דאס לעבין, ווען עס איז ניטא קיין גליק.. ביטער, ביטער!

זיא האט זיך ביטער פאנאנדער געוויינט, דיא אויגען זיינען איהר גיווארען רויט, דער קאפף האט איהר גענומען וויא טאן, א קלערט זיא, מיר שיינט איך ווער קראנק, דאס איז דער וועג צום טויט... לאז שוין קומען אויף מיר דער טויט אונ בעפרייען פון אזא פאלשע וועלט...

עס איז געקומען דיא צייט פון מיטאג עסען, עס איז אריין

דיא

דיא מאגד איהר רופען עסען, זיא האט איהר געפונען ביא אזא לאגע איז זיא געגאנגען זאגען דעם פאטער; ער איז גלייך אריין צו איהר העכסט אונרוהיג, נאכהער איז אריין גיגאנגען דיא מוטער אונ דיא כלה דבורה, מען האט איהר געפונען אין אונמאכט, עס איז גיווארען אטרעוואגע, מען האט גענומען שיקען נאך דאק־טורים, גיבראכט צו זיך. דער פאטער פרעגט, וואס איז איהר גישעהן? וואס איז דא גיוועןָ? זיא האט אבער נישט גיענטפערט; האט מעהר ניט גירעדט אין דער שטילל! פאלש... פאלש... מעהר האט מען פון איהר נישט גיקענט הערין. דער דאקטער האט פערארדנט ארעצעפט צו נעהמען אונ אין רוהע צו לאזען.

צו יענער צייט איז דאס גיקומן שמעיה תנחום נעמען וואס אין מויל, ער האט דער הערט אטומעל, איז ער אוועק געלאפין צו מאיר וויסבערג, יענער זאל איהם זיין נשמה מחיה זיין, וויא מיר ווייסען.

דער ווייליע פון דעסט וועגין דיא בערייטונגען צו דער חתונה איז גיגאנגען פארווערטס, מען האט שוין פאנאנדער געשיקט בילע־טען אונ עס האט שוין גיקאסט פיל געלד, זא האט מען עס ניט גיקענט אבלייגען; דאצו האט מען גיהאפט, אז ביז אבענד וועט זיא ווערין בעסער.

דיא כלה האט זיך אנגעקליידעט איהרע טראונגס־קליידער, מעדכען אונ דאמען האבין זיך גינומען קלייבען, עס זיינען געקומן דיא מוזיקאנטען אונ מען האט גענומען טאנצען... מינדעל איז נאך אימער געבליבען אין איהר צימער קראנק. ראזענשטאק מיט זיין פרויא, אונ דיא כלה אונ נאך אייניגע מענשין ווארין העכסט אונרוהיג פון מינדעלס קראנקהייט, — נור וואס קען מען מאכען? דער ווייליע דיא צערעמאניע פון דער חתונה איז גיגאנגען אין ארדנונג, אונ נאכהער האט זיך גיטראפין דיא קאטאסטראפע (אונגליק) אונטער דער חופה, וואס דעם לעזער איז געוויס בעקאנט.

אז מינדעל האט זיך דער וואוסט פון דעם אונגליק פון דער חופה, אז אפרויענצימער האט געשריען צוא איהר שוועסטערס חתן: מערדער! וואס האסטו מיך בעטראגין, — האט זיא גיזאגט: ערסט זעהט מען דורכאויס, אז אונטער דיא מאנספערזאנען איז ניטא איינער ארעכטער, אלע זיינען מערדער אונ בעטריגער, פאלש אונ נידערטרעכטיג... יעצט שוועסטער, לאמיר וויינען צו זאמען,

מיר האבין ביידע איין אונגליק. פארפאלען, פארפאלען איז אונזער וועלט. אלעס איז אויס.

11.

דיא אייפערזוכט (קנאה).

דער לעזער האט געוויס נישט פערגעסין, אז דער דאקטער פריימאן, קומענדיג פון טייבעלען, האט ער ערצעהלט ראזענשטאקען, אז דיא שרעקליכע עראייגניס, וואס האט זיך געטראפין אונטער דער חופה, האט געשטאמט פון איין אירטהום, דער וויסבערג האט עהנליכקייט מיט איינעם געוויסען טויגעניכטס, וואס האט איין ארעמע יתומה פערפיהרט. דאס האט מען גלייך ערצעהלט דבורה'ן, וואדורך זיא האט זיך שוין געפיהלט בעסער; מען האט דאס גלייך געשיקט אנזאגין וויסבערגין, האט מען איהם נישט געקענט איבערגעבין, ווייל דאס הויז וואר פערזונקען אין טיפען שלאף; דען עס וואר שוין נאך האלבע נאכט. מען האט דאס דערציילט מינדלען, האט זיא נישט געגלויבט. — איך האב אצוא שלעכטע מיינונג פאן דען מאנספערזאנען, אום צו גלויבען עטוואס ארענטליכעס אין זייא.

אין דער פריה אויף דעם אנדערן טאג, ווען ראזענשטאק איז געווען אוועק גיגאנגין צו טייבעלען, האט זיך מינדעל געפיהלט בעסער אין געזונד, אבער דיא הארצוויטאג האט זיך נאך נישט געמינדערט אויף אהאר. זיא האט אוועק גיזעצט אויף איהר בעטיל דען קאפף אנגעשטיטצט אן איהרע ביידע העגד; אונ איז געווען פערזונקען אין טרויעריגע גידאנקין, נאטירליך וועגין הימן. זיא איז געווען אנגעצויגען אין אמארגענראק, נעגליזע, בלאס, דיא האר פאנאנדער געלאזין אבער רייצענד שיין. — געשטערין, רעדט זיא צו זיך, האב איך איהם געהאלטין פאר אבעטריגער היינט וויים איך שוין גאר נישט, פאר וואס איהם צו רעכנין. ער איז דאך געקומען צו פאהרען צו מיר, עס זאל זיין מיט מיר תנאים; האט נאך אנגעמעלדעט, אז ער איז גיקומען, עס איז שוין אמעת לעת, אונ ער איז צו מיר נישט גיקומען, וואס קען דאס בעדייטען? נעכ-

טען

טען האב איך נאך גירעכנט: ער האט אגעליבטע אונ וויל מיך
אויך הייראטהען, — אונ היינט ווייזט אוים, אז ער האט מיך גאר
אוים געבראקירט פאר איינע אנדערע; ער וויל הייראטהען יענע,
אונ מיך פערהאסט ער. נאר אויב אזו, ווארום איז ער נאך
גיקומען אהער אין קרובסק? וואס האט ער זיך גידארפט מיר
אנמעלדין נעכטען? פיליכט אוים צו לאכין, אונ דער פאר איז ער
דאס געפאהרען מיט איהר פארבייא מיין פענסטער? א װעלכע
שרעקליכע גידאנקען! וואס האט ער צו מיר? ווארום זאל ער מיר
האבין פערהאסט? פיליכט איז יענע שענער! — באכט זיך ניט;
פיליכט איז יענע רייכער, זיא גיט איהם מעהר נדן?... א דיא
מאנספערזאנען וויא תאראקטערלאז זייא זיינען, וויא תאראקטער,
מענשהייט, ווארט — האט בייא זייא קיינען ווערטה; וויא מא-
טעריאלער נוצען (וויגאדע) שטעהט בייא זייא העכער פאר אלעס!..
א איך געה אוים, איך וואלט חאטש וועלין איהם זעהען, הערין
וואס וועט ער מיר זאגען. אזא זיסער צונג וויא קען ער ריידען
ביטער? אזא ליבליכע מינע, וויא קען ער מיר זיך ציינען פאר
אטייוועל? איין מאל ריידען וואלט איך וועלין מיט איהם.

עם עפנט זיך לייזע דיא טהיר, עס געהט אריין הימן גרינ-
וואלד, ער הערט איהר הליפענדיג, ער בלייבט שטיין, וויא ער-
שראקען צו מישט אויף אמאל. זיא בעמערקט איהם ניט. ער
לויפט נאך דעם צו האסטיג, נעהמט איהר פארין האנד אונ זאגט:
מינדעלע, מיין לעבין וואס ווינסטו? וואס האסטו צו ווינען?

הימן! גיט זיא אגעשרייא אין שרעקין, ערוואכענדיג פון איהרע
שווערע גידאנקען.

וואס ביזטו אזו ערשראקין מינדעלע? זאגט ער איהר נעמענ-
דיג פארן האנד אונ וויל איהר אקוש טאן.

אוועק! גיט זיא אגעשרייא, ריהר מיך ניט אן; דיינע הענד
ברענען מיר.

וואס רעדסטו, מינדל! וואס איז דיר געווארין? זאגט ער
העכסט בעוועגט.

א איך ווייס צו גוט, וואס מיר איז גיווארען, זאגט זיא, ענגעל
זייגען גיווארען טייוועל... דאס פייער, וואס האט גיזאלט לייכטין
אונ ווארמען, האט גינומען ברענען... א אשרעקליכעס פייער

האט זיך אנגעצונדען.

רייד דאך ניט רעטזעלהאפט, מינדעל; זאג מיר וואס דא טהוט זיך...

מיט מיר איז ניט גוט, זאגט זיא מיט אגעוויין; פערפלוכט זאל זיין דער טאג, ווען איך האב דער ווארסט פון ליבע; דיא מינוט ווען מיין הארץ איז פערגיפטעט געווארען מיט גיפטיגע פיילען... א, מיין הארץ איז זעהר פערוואונדעט...

וואס רעדסטו, מינדעל? ערקלער דאך מיר, מיין לעבין, וואס דא איז געשעהן... מיין הארץ איז אזו פערוואונדעט, אזו צובראכען, זע פערוואונדע עס ניכט מעהר מיט דיינע שטעכענדע רייד.

דיין פערוואונדעטעס הערץ, זאגט זיא מיט אשמייכעל... דו האסט דען אהארץ? אשטיין קען ניט פערוואונדעט ווערין, הימן.

וואס בעדייטעט דאס? וואס האסטו צוא מיר? זאגט ער זיך בעטענדיג.

וויא ער מאכט זיך דאס וויא ער וויים ניט. אזו, דוא ווייסט גאר ניט, וויא הימן גרינוואלד ליבט איין אנדערע?

הא! וואס רעדסט דוא, מינדעל? איך... ליבען איינע אנדערע! שרייט ער מיט אהייזעריגע שטימע... ווען? וויא אזו? וויא קומסטו צו אזעלכע גידאנקען?

אשיינער אקטאר, הלעבין, זאגט זיא מיט אגיפטיגען שמייכעל. וויא פייעריג ער רעדט דאס מיט מיר, גאר וויא עס וואלט געווען אמת; אונ נעכטין האט ער זיך אויך גיזאגט אזעלכע פייעריגע ווערטער; איך וועל דיר זיין עוויג טרייער, פונקט מיט דעם זעלבין טאן... אגוטער מענש רעדט אימער זיסע רייד, האטס מיט צוואנציג פרויענצימער רעדט ער זיך דיא זעלבע רייד זאג הימן, דיזע שטערעאטיפנע רייד האסטו שוין גיזאגט אמאל הונדערט הא?... שוין גוט איינגעלעריגט אונ ווידערהאלט, אז עם לאזט זיך גאר אנדערס ניט ריידען, הא הימן?

גוואלד, ווען וועט זיא מיר אויפהערען צו זייגען מיין הארץ! שרייט ער ארום לויפענדיג איבערן צימער. גוואלד וואס טהוט מען? וויא איבערצייגט מען איהר, אז זיא האט איין אירטהום?... שלעכטע צינג האבין זיך אריין געמישט צו פערגיפטען אונזער לעבין... ווייניג האב איך זיך אנגעליטען נעכטיגען טאג, אז איך

האב זיך גיוועלט דאס לעבן נעהמען פון יסורים...

פון וואס האט איהר דאס אזוי געליטען, הערר גרינוואלד?

שטיימס! שרייט ער, מען האט דאך מיר גיזאגט, אז דוא האסט חתונה מיט איין אנדערן...

אהא, זאגט זיא. דער פאר האסטו דיר שוין בעזארגט איין אנדערע. וויא גיך דער אויבערשטער האט דיר צו געשיקט... ה ה ה! ביזט גיפאלען אויף אגוטען פלאן, וויא זיך צו פערענטפערן, וואס דוא האסט זיך געגען מיר אזוי פיין בעהאנדעלט... אז איך האב חתונה מיט איין אנדערן, מעג ער זיך דאך בעזארגען איינע אנדערע.

אבער וואס פאר איין אנדערע מיינסטו? וואו ליב איך איינע אנדערע? ווער האט דאס אוים גיטראכט? רייד שוין ערקלער מיר אמאל...

וויא, אז איך האב אליין גיזעהען, גיהערט וויא דוא האסט מיט איהר גירעט, נאך פארזיכערט, אז דוא וועסט איהר זיין עוויג טרייא; איך האב אויך גיזעהן, וויא דוא ביזט מיט איהר געפארן.

איך בין גיפאהרען מיט אפריילין, ווען! גיט ער אגעשרייא. — א, גיט ער זיך אחאפ צוריק, דאס מוז זיין דיא טייבעלע, וועלכע איך האב גירעטעט פון טרינקען...

הא, שוין ווייטער איין איינפאל, זאגט זיא, אז מען רעטעט אפרויענצימער פון טרינקען זיך, וויא פאהרט מען ניט מיט איהר? וויא פערזיכערט מען איהר ניט אין טרייהייט? וויא געשווינד ער איז דאס אויף איינפאלען! וויא לייכט מען געפינט דאס איין אויסרעדע פיר אזעלכע פיינע בעהאנדלונגען... גענוג דיר שוין הימן מיט דיינע סקאזקעס!... וואס נאך וועסטו מיך איין ריידען? אמיידעל איז זיך גיגאנגען טרינקען און ער האט איהר גירעטעט, און מיט אזעלכע פוסטע חלומות ווילסטו זיך מיר ווייזען פאר אפיינעם מאן... א מענער מענער! איהר זייט מערדער און בעטריגער!... דיא פרויען זיינען אייערע אפפער, איהר בעהאנדעלט זייא נידערטרעכטיג.

איך אמערדער! שרייט הימן זיך האלטענדיג פארן קאפף... גאט וויים דעם אמת, אז איך בין דער שוטצער געגען אזעלכע מערדערייא... מיט אמאל בעשולדיגט מען מיך דערינען... ווער

וואלט

וואלט זאגין, אז דיא וואהלטהאט, וואס איך האב גיטאן, זאל זיך אויס לאזען פאר איינע בעשולדיגונג געגין מיך... א גאט! וואס טהוא איך?... מינדעלע, עראיננער דיך, וויא דוא ביזט מיר גיוועזען גוט; עראיננער דיך וויא מיר האבין זיך גישווארען אין עוויגער טרייע; מיר זאלען זיך איינאנדער קיין פערדרוס ניט מאכין, אונ היינט מאכסטו מיר אזו פיל פערדרוס...

יעמאלט וואר נור היילע רייד, אונ היינט האבין דיא פאקטען געוויזען פונקט פערקעהרט. דוא זאגסט איך האב דיר גימאכט פערדרוס... דוא האסט מיך אבער קראנק גימאכט, אונ גאט ווייס, צו וועל איך זיין געהיילט פון דער קראנקהייט; דען דיזע היילונג איז פערבונדען מיט דער בעסערונג פון דיין חאראקטער, אונ דאס ווייס איך ניט, אויב עס קען גיבעסערט ווערען; אנגעבארענע פעהלער איז שוין ניט צו בעסערין.

קורץ, מינדעל, דוא גלויבסט מיר גאר נישט? זאגט ער העכסט בעוועגט.

איין ווארט ניט, ענטפערט זיא.

אונ דוא ווילסט מיר ניט ווערען גוט וויא פריער?

סיידען ביז דוא וועסט מיר געבין אבעוויז פון דיינע אונשולד.

נו אדיע! גיט ער אנגעשרייא מיט כעס אונ איז ארויס בלאס פון וואוטה אונ דיא אויגען צו מישט. א דיא אייפערזוכט, זאגט ער, דאס איז גיפט, סאם!... נאר דוא ווילסט אבעוויז, דאס וועט דיר אבער טהייער קאסטען.

וויא ער איז ארויס גיגאנגען, האט זיך מינדעל בעדאכט, אז זיא האט ניט גוט געטאן, זיא האט איהם גינומען רופען צו ריק, ער איז ניט גיקומען; זיא האט איהם גינומען קלאפען אין פענסטער, האט געשיקט דיא מיידעל איהם אריין רופען, — אבער ער איז שוין ניט גיוועזען.

צו שטריינג האב איך מיט איהם גירעדט, זאגט זיא צו זיך. עס קען זיין ער איז ניט שולדיג; ער רעדט צו פיל פון הארצען, אז מען זאל רעכנען איהם פאר אבעטריגער.

עס איז אריין גיגאנגען כתריאל ראוזענשטאק מיט טייבעלען זעהר פרייליך.

וואס זיצטו עפעס אזו צו טראגין, מיין טאכטער? וואו איז

הימן? ער איז דא געוועזן?

ער איז דא געוועזן, זאגט זיא, און ער איז אוועק גינאנגען ברוגז. א דוא האסט איהם געוויס אריין געבראכט אין כעס, איך קען דיך... נאר איך וועל שוין מאכען אשלום צווישען אייך. דער וויילע, מיין טאכטער, אט שטעל איך דיר פאר דיא טאכטער פון מיין אבעסטען גוטען פריינד... מינדעל רייכט איהר דיא האנד און טראכט ביי זיך: עפעס אבעקאנטע פיזיאָנאָמיע, וואו האב איך איהר גיקענט זעהען...

ווייסטו, מיין טאכטער, וואו איך האב זיא געטראפען? — ביי אמענשין, וואס האט איהר גירעטעט פון טויט און פון עלענד.

אזו! ביי אזא אונגליקליכע ווארען זיא פריינדין? פרעגט איהר מינדעל.

אשלעכטער מענש, זאגט טייבעלע, האט מיך אונגליקליך געמאכט; מיין טרויעריגע לאגע האט מיך גיבראכט צו אלעם; נאר עס האט זיך געפונען אגוטער מענש, וועלכער האט זיך איבער מיר ערבארמט, ער האט מיך גירעטעט, און ער בעמיהט זיך וויא אטרייער ברודער מיינע לאגע צו פערבעסערן.

ווער איז דאס דער גוטער מענש? פרעגט מינדיל.

דאס איז דיין הימן, מיין טאכטער, זאגט ראזענשטאק, דו ביזט גליקליך אז דיר קומט אן אזא מאן, אזו איין עדעלמאן, אזא גוטער, וואס איז זעלטען אונטער יונגעלייט.

ביי דיא ווערטער האט זיך מינדעל פערטראכט; יעצט האב איך מיך שוין ערינערט, אז דאס איז דיא טייבעלע, וואס ער האט גיזאגט; און מען זעהעט פון איהרע רייד, אז עס איז אלעס ריכטיג, וואס ער האט גיזאגט, א אומזאנסט האב איך גיהאט פערדרום, אומזאנסט האב איך איהם געקריינקט, א איך מוז שוין שיקען נאך איהם און איהם בעטין אום פערצייהונג.

דוא ווייסט, מיין טאכטער, אט דיזע יתומה, מיין גוטין פריינדס טאכטער נעהם איך צו זיך, זיא איז יעצט עלענד, און עס פרייט מיך זייער, אז איך קען זיך יעצט דאנקבאר צייגען פאר מיין גוטען פריינד, פאר אלעס גוטע וואס ער האט מיר אמאל גיטאן, איך וועל איהר האלטען פאר אטאכטער.

און איך וועל איהר האלטין פאר אשוועסטער, זאגט מינדעל,

אינדעם זיא האט זיך מיט טייבעלען צוא קוסט, אונ איך בעט דיך שוועסטער, זאלסט מיך אויך בעטראכטין וויא א שוועסטער....

א געלויבט איז גאט! זאגט טייבעלע, וואס ער האט מיר צוא געשיקט אזעלכע גוטע מענשען, וואס זיינען בערייט מיך צו שיטצען אין מיין עלענד.

דא האט ראזענשטאק ערציילט וואס פאר אסומאטאבע שמעי׳ תנחום האט דא געמאכט, וואס ער האט הימן געזאגט, אז מינדעל האט חתונה מיט איין אנדערע. טייבעלע האט אויך קורץ ערציילט, וואס מיט איהר האט דיא לעצטע פאר טעג גיטראפין, — פון דיא אלע רייד האט מינדעל ארויס גיזעהען, אז הימן האט ניט דיא מינדעסטע שולדיגקייט וואס זיא האט איהם חושד גיוועזן אונ זיא האט שוין שטארק בערייעט (חרטה געהאט), וואס זיא האט איהם אזו שלעכט בעהאנדעלט, זיא האט גלייך געשיקט אצעטעלע צוא הימן, אז זיא האט דער גאנגען זיינע אונשולדיגקייט אונ זיא בעט איהם, ער זאל קומען וואס צום גיכסטין, דער ווייל ביי ראזענשטאק אין הויז איז געווארין רעכט פרייליך; דבורה דיא כלה — וואס איהר חתן איז אומזונסט געזעסין בעשולדיגט גיווארין, אונ מען ווארט ער זאל באלד קומען; דען מען האט איהם שוין געשיקט אנזאגין דיא בשורה, אז דא איז גיוועזן איין אירטהום, מינדעל איז פרייליך וואס דעם פערדאכט (חשד) וואס זיא האט גיהאט אויף הימן, וואר אויך נור איין אירטהום, אונ זיא ווארט באלד וועט ער קומען; זיא וועט איהם בעטין אום פערצייהונג, וואס זיא וואר אזו איבעראיילט, אונ ער וועט איהר געוויס פערצייהען, דען דיא אייפערזוכט שטאמט דאך פון ליבע, טייבעלע וואר פרייליך, וואס זיא איז שוין היינט ניט עלענד, אונ וואס ראזענשטאק פערצייהעט איהר פאר דעם סקאנדאל וואס זיא האט געמאכט, נור עס איז געבליבין בייא איהר אונ ראזענשטאקין, אז מען זאל זעהען פון דרך שלום וועגין דיא זאך זאל בלייבין אין געהיים, אז קיינער זאל ניט וויסען, אז זיא האט דאס צערשטערט דיא חופה אונ האט גימאכט אזעלכע בזיונות.

עס איז אריין גיקומען דער דאקטער פריימאן, — איך קום ערסט פון אייער וויסבערגען, וויא איך בין ארויס פון הימנען מיט אייך האט מיך בעגעגינט אשליח, וועלכער וואר געשיקט מיך רופין צוא איהם, איך האב איהם געפונען גאר סעריאזנע קראנק... נאר איך

האב איהם גלייך גיזאגט דיא גוטע נייס, אז נעכטיגע געשיכטע אונטער דער חופה איז גיקומען פון איין איהרטהום, ווייל ער האט פיל עהנליכקייט מיט אייגעם וואס האט זיך ניט פיין בעהאנדעלט, ער האט מיר פון אנפאנג ניט גיוואלט גלויבין דען ער האט גירעכינט אז דאס זאג איך צו ערלייכטערין זיין קראנקהייט, נאר גלייך דארויף איז ארויף גיקומען אייער שליח, וועלכער האט איהם אויך געזאגט דאס זעלבע זא איז ער שוין גיווארין רוהיג... ער האט זיך שוין גינומען בעסערין, אונ ווען ניט דיא גוטע נאכריכט וואלט גיווען שלעכט, דיא געסטריגע געשיכטע האט איהם העפטיג צו ריהרט, אהער קומען קען ער ניט, דרום האט ער אייך גיבעטין איהר זאלט זיך בעמיהען קומען צו איהם, אונ ביז ער וועט ניט הערין פון אייער מויל, אז איהר בעשולדיגט איהן ניט, זאגט ער, איז ער נאך אימער אונרוהיג; אונ אויב עס איז מעגליך זאל דבורה אויך גיין מיט אייך.

געוויס ענטפערט ראזענשטאק, איך נעהם שוין איין איזוואסציק אונ איך פאהר אריבער איהם באזוכין, מיר וועלין אלע פאהרען צו איהם, וויא דען? ער ליידעט נעבאך אזו אונשולדיג, מיר מוזין דאך איהם טרייסטין, אונ אייך הערר דאקטער בעט איך איהר זאלט אלעס אנווענדען, איהם וואס פריער גיזונט צוא מאכין.... יע, אונ איהר זאלט ניט פארגעסין, אז ער דארף ניט וויסען, ווער דיא פערזאן איז, וואס האט איהם בעליידיגט, דאס איז גלאט דרך שלום וועגין, פארשטייט איהר.

איך פארשטייא גאנץ גוט, זאגט פריימאן, דען יענע פערזאן איז יעטצט אונטער אייער שוטץ.

עס איז אריין גיגאנגן דער מענש, וועלכין מען האט גישיקט צו הימנען, מינדעל לויפט איהם ענטגעגין אונ פרעגט; נו וואו איז ער? ער גייט? ער פאהרט?

ניין, ענטפערט ער, ניט ער גייט, אונ ניט ער פאהרט.

וואס דען? פרעגט זיא בעוועגט, ער איז אין כעס? ער בייזערט זיך? איך מוז שוין לויפין, פאהרין צו איהם, זעהען וואס דארטין טהוט זיך... איך בעט דיך פאטער, פאהר אויך מיט מיר; דיך וועט ער אוואזין, וועט ער מיר גלייך פערציהען.

איך קען ניט, ענטפערט ראזענשטאק, איך מוז פריער צוא וויסבערגין, דו פארשטייסט אליין, שפעטער וועל איך אונטער קומען.

עס

עס וועט זיין ניט נייטיג, זאגט דער שליח שטאמלענדיג.

הא! גיט אגישרייא מינדעל, העכסט בעוועגט, וואס זאגסטו? וויא הייסט עס ניט נייטיג? וואס איז דארטין גישעהען? רייד.

איך וואלט אייך זאגין, זאגט ער; נאר איך האב מורא, איהר וועט האבין הארצווייטאג.

זאג שוין, גיך, רייד! שרייט זיא איהם טרייסלענדיג פארין פלייצע.

ער איז אוועק גיפאהרין, ענטפערט ער.

אוועק גיפאהרען! גיט זיא אגישרייא, אוי ווייא איז מיר! וואס פאר איין אונגליק איך האב דא גימאכט, וואס טהוט מען, טאטע? וואס טהוט מען?

אהא, זאגט ראזענשטאק, איצטער פרעגסטו וואס טהוט מען וואס האסטו פריער ניט גיפרעגט בשעת דו האסט איהם מרגיז גיוועז? ווער ווייס וואס דוא האסט דא אבגיטאן!... א ווייבער ווייבער! אייערע צינג מאכין אן גרויסע צרות... און פאר אלע אייערע דומהייטען דארף אויס שטיין דער אלטער טאטע... דער גראע קאפף איז אכפרה פאר אלעס... א קינדער קינדער, וואס פאר אפלאגע איהר זייט פאר עלטערין!

טאטע, איך בין שולדיג, שרייט זיא איך בין ווערט אלע שטראף... אבער זעה וואס זאל איך איצטער טאן? וואס טהוט מען? וואו לויפט מען? אויף וועלכע וועג זאל איך איהם זוכין?

וואס פאר זוכען? זאגט ראזענשטאק. וואס ביזטו אזו צו קאכט? מיר וועלין איהם געפינען; מיר וייסען דאך פון וואנען ער איז. מיט איין בריף וועט ער קומען. מיט דיא רייד איז ער ארויס געגאנגין און איז אוועק גיפאהרען צו מאיר ווייסבערג.

א וויא קאלט דיא עלטערין זיינען! שרייט מינדעל אז דער פאטער איז גיוועזן ארויס גיגאנגען. וויא גלייכגילטיג ער האט דאס אויס גיהערט, אז הימן איז ניטא, וויא איהם ארט דאס ניט!... גיוואלד! וואס טהוא איך איצטער? איך וועל ניט אויס האלטין. אמת איך בין אליין שולדיג, איך האב איהם אזו באריש בעהאנדעלט! א וויא טרייא ער איז מיר! וויא בעוועגט ער איז גיוועזן, ווען איך האב זיך איהם ניט פריינדליך געוויזען... און איצטער איז ער אוועק פון מיר, איז בייז אויף מיר... אוי איך וועל ניט אויס האלטין! איך מוז איהם לויפען זוכען. — מיט דיא ווערטער האט

זיא

זיא זיך ראש אָנגעקלײדעט און איז אַוועק אין אַטעל, וואו הימן האט לאָזירט, דאָרט האט מען איהר געזאָגט, אַז ער איז אַוועק גיפאָהרען; וואו הין, ווייסען זיא ניט.

זיא איז געקומען אַהײם גאַנץ נידער גישלאָגען, האט זיך פערשפאַרט אין איהר צימער און האט ביטערליך געוויינט.

אין אַפּאָר שטונדען איז געקומען דער פאַטער, זיא האט זיך צו גישטעלט, ער זאָל וואס טאָן, איהם אויף צו זוכען. ער האט זיך גיזעצט, האט אָנגעשריבען צו הימן אַבריף אַוואַרעמען, און זיא האבין שוין געהאפט, אַז אין אַטאָג אַרום קומט ער געוויס, אָדער עס וועט זיין פון איהם אַבריף.

דער ווײלע טייבעלע האט זיך גוט אײנגעשטעלט אין ראזענשטאַקס הויז, איהר איז גיוועזן גאַנץ גוט, און ער האט איהר פערשפּראָכען אויף צו זוכען יאקאבען און זעהען צו מאַכען עפּעס אַמאָלק. וואס הימן איז אַוועק פּלוצלונג האט זיא גיהאט פיל הערצלייד; נאָר זיא האט אויך געהאפט, אַז באַלד וועט ער קומען, אָדער עס וועט זיין פון איהם אַבריף.

מאיר וויסבערג איז גיוואָרען בעסער און מען האט שוין פעסט גיזעצט, אַז וויא ער וועט געזונד ווערען, זאָל מען חופּה שטעלען, און מאַכען דיא חתונה וויא גיהעריג איז.

דער ווײלע איז פאַראיבער געלאָפען אײניגע טעג, און הימן איז ניט גיקומען, און קײן בריף איז אויך ניט גיוועזן. מינדעלס הערצלייד לאָזט זיך מיט קײנער פעדער בעשרייבען. ראזענשטאַק האט געשריבען נאָך אײניגע בריף און קײנע נאַכריכט איז איממער ניט גיוועזן. עס איז פאַראיבער גילאָפען אַוואָך און צוויא און דרײא און פון הימן איז קײנע נאַכריכט דא. דאס גאַנצע הויז ראזענשטאַק איז גאַנץ נידער געשלאָגען און מינדעל איז געוואָרין קראַנק פון האַרץ ווײטאָג און הימן איז ניטא און ניטא.

צווייטער טהייל.

12.

לויז געווארען פון דער פגע.

אין גאסטיניצא ראסיע אין קיסנעמיר איז געזעסען אקאמפאניע יונגע לייט אונ מען האט געשפילט אין קארטען, אפען טישל איז אנגעשטעלט איינינגע בוטלען ביר, בראנפען, קאניאק, ליקער אונ צו בייסען פון אלע זארטען. מען רעדט, מען לאכט, מען ערצעהלט אנעקדאטען, — עס איז לוסטיג. ביא אטישל אן אזייט איז געזעסען איונגער מענש עלעגאנט געקליידט אונ האלט אבלאט צייטונג. אפען טישל שטייט אפלאשע ביר מיט אגלאז. ער האט בודטא גילעזען, אבער גוט גיהערט זייער גישפרעך.

וואס קען דאס זיין, וואס קארשון איז נאך ניטא? פרעגט איינער פון גיזעלשאפט.

געוויס מוז ער האבין ווייטער איין ליבעס אינטריגע, רופט זיך אב נאך איינער. דא ניט לאנג האט ער אבגעמאכט אשטיקעל קונסטשטיק, אונ עס איז איהם אראב גלאט...

וואס פאר אקונסטשטיק האט ער דא געמאכט? פרעגט נאך איינער.

ער האט געקראגען עפעס איתומה... אנארעלע אונ...

אהא, זאגט דער ערסטער, איין אינטריגע מיט איין יתומה איז נאך ניט פון דיא גרויסע קונצען, אט אבריידען אכלה פון אחתן, פארפיהרען אשטרייט, מאכען סקאנדאלען, דאס איז איין אינטערעס; אבער טאן איין אינטערעס, וואו עס איז ניטא קיין פראטיוניק, איז גאר נישט...

אויב פון העלדענטהום איז דיא רעדע, רופט זיך אב איינער פון זייא מיט דעם נאמען ערעלמאן, איז דאס קיין העלדענטהום אומגליקליך מאכען איתומה; אבער אויב דיא רעדע איז פון נידער-

טרעכטיגקייט, פון פאדלאסט, מיין איך, האט זיך קארשון דערינגען גאנץ גוט אויס געצייכנעט.

דיין גליק וואס קארשון איז דא ניטא, רופען זיך אב אפאר פון געזעלשאפט, אז ניט וואלט ער דיר שוין געבין, פאר וואס דוא זידעלסט איהם.

איך מיין, זאגט עדעלמאן, אז ער וואלט מיר דאנקען, וואס איך רוף איהם פאדלעץ. ער וויל דאך דעם נאמען, אז ניט וואלט ער דאך דאס ניט געווען.

דער ווילע איבער זיינע אינטריגעס פעהלט אונז, זאגט נאך איינער. זינד ער האט געקראגין די ירושה איז ער געווארין אגאנץ גוטער ברודער, מיר לעבין אגוטען טאג, אדער מיר האבין פון איהם גוטע בעווירטהונג (אוגאסצעניע), אדער ער פערשפילט אין קארטין; אונ אז עס מאכט זיך איהם איין אינטריגע, זעהט מען איהם שוין אין די אויגען ניט.

איך מיין, אז באלד וועט ער אויפהערין צו זיין איורש, זאגט עדעלמאן; דען ער האט שוין געמוזט איין הויז אויסברייגגען.

א עס וועט קלעקין, זאגט נאך איינער, זיין מויער איז ווערט פונפצעהן טויזענד רובל, אונ זיין ריאד קראמען איז ווערט פינף-אונצוואנציג טויזענד דען ער האט אשיינעם דאחאד.

וויא עס ווייזט אויס שטאמט ער ניט פון ארעמע עלטערן, זאגט עדעלמאן; וויא קומט ער צו אזו איין אויפפיהרונג, וואס ער וויים היינט ניט וויא צו לעבין אויף דער וועלט. צו איז ער ניט געווען איין בן יחיד?

ער איז געוויס געווען איין בן יחיד אונ איין בן זקונים. דער פאטער פון אלטקייט האט זיך ניט געמישט אין זיינע ערציהונג, אונ די מוטער האט איהם ערצויגען נאך איהר געשמאק. זיא איז אויך אשיינער חפץ.

עס עפינט זיך די טהיר, עס לויפט אריין יאקאב קארשון. דער יונגער מאן, וואס איז געזעסין אן אזייט אונ האט געלעזען ציימונג, האט אשוידער געטאן.

א רופען זיך אב אלע אויף אמאל, אט איז יאקאב, אט ערסט האבין מיר גערעדט וועגין דיר.

אהא, זאגט קארשון זיך זעצענדיג נעבין זייא. מיר האט זיך

טאקע ערסט גישלוקערצט. איי לאקייא! ליקערו, קאניאקו אי זאקוסקי!

וואס טהוט זיך מיט דיר, קארשון, וואס דוא האסט עפעס אנגעהייבין צו ווייכען פון גוטע ברידער. פריער זיינען מיר גיוועזן פאר שמאכט, ווען דוא האסט גיהאט צו טאן מיט ליזען, ביזט פון איהר לויז געווארין. האט זיך געיאוועט עפעס אטייבעלע ה ה ה! אשיינע פאר, אקארשון מיט אטייבעלע.

ווייל עס איז ניט קיין פאר, זאגט יאקאב, בין איך פון איהר לויז גיווארען, און איצטער זוך איך ווייטער סחורה, איהר פער־שטייט דאך אליין, ברידער, מען דארף דאך עפעס זיין אמענש אויף דער וועלט, נו ברידער, עסט טרינקט, איך צאהל.

האסטו שוין פאר קויפט אהויז, צו פערזעצט? פרעגט עדעלמאן. וואס דוא לעבסט אזוי גוט.

איך האב נאך פון יענע אכט הונדערט רוביל, איהר ווייסט דאך ברידער, איהרע... מיינע הייזער זיינען נאך ריין גאט צוא דאנקען.

זאג מיר וואו איז דאס איצטער דיין טייבעלע פרעגט עדעלמאן.

פון וואנען זאל איך וויסען? איך בין דען אמלאך? זאגט יאקאב אוים טרינקענדיג זיין גלעזיל.

וואו האסטו איהר גילאזין?

איך האב איהר גילאזין אין וואגאן, און איך בין אוויילעצקע ארוים גיגאנגען בודקא לייגין אבריף, און דער פאיעזד איז זיך ב"ה אוועק גיגאנגען, ער האט איהר צו גינומען פון מיר, און איך בין לויז גיווארין פון איהרע טאצעס און פון איהרע ווארצעס... אראב פון מארק און אסוף... איין איינפאל הא? ברידער?

בראווא, בראוויסימא! שרייען אייניגע, אהאלב דוטצענד ביר פאר דעם איינפאל אהער! דיא וויאפילטע איז דאס ביי דיר קארשון?

איך האב דען אקאפף פון אמויער? זאגט ער, שא לאם איך זיך דר מאנן; ליגע קץ האב איך ארוים גיגנבט פון אפענכטער, אין אהאלב יאהר ארום האט זיא זיך גיטויפט; איינמאל האב איך זיך פארקליידט פאר איין איזוואסציק האב אבגידונגען איין איזוואסציק, האב זיך גיזעצט אויף די קאזלעס, עס איז גיקומען אמיידיל, האט זיך בעדונגען איך זאל איהר פיהרען אהיים, און איך האב איהר געפיהרט וואו מיר האט גילוינט... נאך איינע... ליזע דאכט זיך...

איך

איך ווייס ניט שלאגט איהם איבער ערדעלמאן, ווי קען מען דאס זיין אזו נידערטרעכטיג אזא מערדער!

א אמגיד! רופט זיך אב יאקאב איהם רייבענדיג די האנד מיט אגילעכטער, שלום אאיד! זאגט עפעס אביסיל תורה חלעבין... וואס מאכט דער מדרש אויף ויבן את הצלע... אמערדער! רופט ער מיך הההה! וואס האב איך גיטאן? גישטאבין געקוילעט וועמען? הא?

אז מען נעהמט ביי איינעם צו די עהרע איז פילייכט ערגער ווי געהארגעט.

די עהרע, די עהרע! מענשען האבין זיך איינגירעדט עהרע, פוסטאיע! אונ ווייטער לאז שוין זיין יע עהרע; האב איך דען גיגזעלט די עהרע? מען האט זיך מיר געוויזען פריינדליך, האב איך די פריינדשאפט אנגענומען; אונ אז איך דארף די פריינדשאפט ניט, גיב איך אוועק צו ריק; גאנץ עהרליך, אונ מיר זיינען זיך ווייטער גוטע פריינד ווי גיוועזן, זייער ארענטליך; מען האט צוא מיר גאר ניסט.

דא איז אבער גיוועזן די פריינדשאפט מיט איין אוסלאוויע, זאגט ערדעלמאן, איהר האט אב גירעדט חתונה צו האבין, דארפסטו דאך האלטין ווארט.

אונ אז איך האלט ניט ווארט, רופ מיך ליגנער הההה! איז מיט אליגנער מעהר אויף דער וועלט.

איך מיין, איז מיט אגזלן מעהר אויף דער וועלט, זאגט ערדעלמאן.

וואס איז דאס פאר אצרה? שרייט יאקאב, וויא קומט אזא צדיק, אזא גוטער איד אהער? אויב ער וויל מוסר זאגין, לאז ער גיין איבער די שולין.

איך קום אהער גאנץ איינפאך, זאגט ערדעלמאן, איך וויל אגלאז ביר, קום איך טרינקען, אונ קיינער קען מיר ניסט פאר ווערין, איך זעה ביי דעם טיש זיצט מיינער אבעקאנטער האב איך זיך דער ביי גיזעצט, אבער אחראקטערלאזער מענש בין איך ניט, אונ אז איך זעה נידערטרעכטיגקייט, זאג איך גלייך ארויס, אונ האב גאר קיין מורא ניט, אונ דיר יאקאב זאג איך נאך אמאל; דוא ביזט אנידערטרעכטיגער יונג, דוא האסט איין ארעמע יתומה

אונגליקליך גימאכט, זאלסטו זעהען דיא זאך ווידער גוט צו מאכען דוא זאלסט מיט איהר הייראטהען.

הייראטהען! ה ה ה!... הייראטהען דיא טייבעלען... ה ה ה! אשיינער שידוך פאר מיר, ניטא וואס צו ריידען... סיידען איך זאל פריער משוגע ווערען... וואס דארף איך איהר, אז מען רעדט מיר שידוכים מיט שענערע און מיט עטליכע טויזענד רובל נדן, און וואס האט זיא מעהר ניט וויא איהר נשמה... מיט אנשמה מהוא איך קיין שידוך ניט ה ה ה! געלד האט זיא אקאפייקע ניט און קיין גוף האט זיא אויך ניט, זיא איז אבלייכע און אבלאסע... אקארשון מיט אטייבעלע איז קיין פאר ניט. ה ה ה!

ענטשולדיגט מיר, רופט זיך אב דער אונבעקאנטער, וואס האט גילעזען דיא צייטונג, ענטשולדיגט מיר וואס איך שטער אייך... איך הער אז אייך רופט מען קארשון... זא האב איך צו אייך אקליין בריוועלע... איך בין גיוועזען אין קרובסק פאר אפאר וואכען צו ריק, האט זיך מיר געטראפען צו זעהען, וויא מען האט ארויס גענומען איין ערטרונקענע פון וואסער. מען האט איהר ארום געזוכט אין איהרע קליידער, האט מען געפונען אט דעם צעטעלע אדרעסירט צו איינעם יאקאב קארשון אין קיסנעמיר.

דאס איז געוויס צו מיר, זאגט יאקאב עטוואס פערלעגען, נעהמענדיג דעם צעטעלע. ער לעזט מיט אציטערנדע שטימע אזוי: „יאקאב! איך טרינק זיך איבער דיר; דוא האסט מיך דאצו גע־בראכט; נאר איך פערצייהע דיר. לאז דיר גאט העלפען. דיין אפפער, וואס האט דיך אמאל געליבט. טויבע„ — ביי דיא ווער־טער זיינען אלע געווארען שטיל. קארשון איז געבליבען זיצען וויא צו טומולט. זיינע אויגען זיינען גיווארען פייכט. ער האט זיך אוועק געשטעלט און זאגט: ברידער, ענטשולדיגט מיר, איך מוז אוועק געהן. מיר איז יעצט ניט צום הארצען קיינע פריידע. און מיט דיא רייד האט ער גיגעבען אלעמען דיא האנד און איז ארויס.

ער איז נאך ניט גאר פאר דארבען, זאגט דער אונבעקאנטער.

ער האט נאך אין זיך אפונק מיטלייד, זאגט ערדלמאן, אבער עס יאמערט מיך דיא אונגליקליכע, וואס זיא איז גישטארבען איבער איהם אזוא טויט, ער איז ווערט אלע שטראף אין דער וועלט ער איז פון דעסט וועגין אמערדער.

ער איז אמענש וויא אלע מענשין, רופט זיך אב נאך איינער. קיינער וואלט גאר אנדערש ניט געטאן, עס איז לייכט צו אורטהיילען פאן דעם צווייטען, און עס קען זיין, אז איהר פיינע מענשין וואלט אויך אנדערש ניט טאן, עס איז אזא וועלט: אז דער שוואכער פאלט אריין ביי דעם שטארקען, זא דריקט ער איהם וויא ער קען, און נעהמט פון איהם נוצען וויא פיל ער קען; אזוי וויא דיא שפינע זויגט אויס דעם זאפט פון דער פליג, און נאך דעם ווארפט ער איהר אוועק.

זייא האבין זיך אזוי דיספוטירט אייניגע צייט און זיינען פאנאנדער גיגאנגען.

עס איז פאראיבער געלאפין אוואך צייט און יאקאב איז פון שטוב ניט ארויס גיגאנגען; ער איז גיוועזן זעהר צו ריהרט פון דער געשיכטע מיט טייבעלען, וועלכע האט זיך דאס לעבען גינומען דורך איהם. צו ענדע וואך האט ער גימאכט אבאל האט איינגעלאדען זיינע קאמראדען, עס וואר אפען טיש אנגישטעלט אלערלייא גיטרענקע און געריכטען: נאר קארטען, האט ער אנגעזאגט, זאל ניט דער מאנט ווערין.

הערט, ברידער, רופט ער זיך אב צו זיינע געסט, אלס זייא ווארען שוין גיזעסין ביין טיש. ברידער, צום ערסטען מאל מאך איך אבאל ביי זיך אין שטוב, איך וויל שוין אויפהערין צו פיהרען אלידערליכעס לעבען. טייבעלעס טויט מוז מיך בעסערן. אויס טראקטירען, אויס קארטען און אויס געלד פערשווענדען. אלזא אום צו פיהרען איין ארדענטליכעס לעבען מוז מען פערהייראטהעט זיין, זא פאהר איך יעצט הייראטהען... מיינע פריינד...

און מיט אונז ווילסטו זיך גאר יעצט שיידען? פרעגען אייניגע.

דיא וואס וועלען פיהרען איין ארדענטליכעס לעבען, יענע בלייבען מיינע פריינד...

וואו הין פאהרסטו דאס צו הייראטהען? פרעגט איינער.

נאך קרובסק. זאגט יאקאב. דארטען וועל איך הייראטהען, און דארטען וועל איך אויפזוכען טייבעלעס קבר, וועל איהר בעווייגען מיט הייסע טרערן און וועל איהר שטעלען אמארמארנע מצבה מיט געגילטע בוכשטאבען, אז זיא איז גיפאלען איין אפפער

פון

פון איין לידערליכען מענשין, וועלכער הערט איהר ניט אויף צו בעוויינען.

ווער איז דיין מחותן?

דאס קען איך ניט זאגען; דען אונטער גוטע פריינד איז פראגען אזעלכע, וואס האבין ליב דען גוטען פריינד צו בערעדען און אונגליקליך צו מאכען; און מיך וואס צו בערידען קען מען געפינען.

איז דיא כלה אשיינע?

איינע זעלטענע שענהייט, זאגט יאקאב; ביא וועמען איך האב גיפרעגט, לויבט מען איהר זעהר; שיין, קלוג, און געבילדעט און דער צו גדן צעהן טויזענד רובל; אזא פארטיע האט מען מיר נאך ניע פארגעשלאגין, מען האט מיר אלס גירעדט מיט צוויא, מיט אנדער האלבען טויזענד און דיא כלות ניט אם בעסטין. אבער דא איז גאט צו דאנקין אגליקליכער שידוך... היינט פאהר איך אוועק מיט דעם שדכן. איבער מארגען זעהען מיר זיך און גלייך איז תנאים, און אין אקורצע צייט איז חתונה. א איך וואלט שוין גערן דער לעבין דיזע גליקליכע מינוט... נו ברידער עסט און טרינקט און ווינשט מיר פיל גליק ברידער!

דא האבין אלע מיט אמאל אויפגעהייבען דיא באקאלען מיט ויין און האבין גיגעבין אדאנערגעשרייא: מזל טוב! מיר ווינשען עוויגעס גליק אונזערעם פריינד יאקאב קארשון מיט זיינע פרויא, גילעבט, גילעבט, גילעבט!

נאך דער רעדע יאקאבס האבין דיא געסט גיגעסין און געטרונקען נאך דרייא שטונדען האבין פיין און ארדענטליך צו גיבראכט. נאכהער זיינען זייא פאנאנדער גיגאנגין, ער איז מיט דעם שדכן גימפל משה אוועק געפאהרען נאך קרובסק.

13.

דער געהיימער פלאן.

אין צווייא טעג ארום, דאס הייסט אמאנאט זייט הימן איז פערשוואונדען גיווארען, בייא כתריאל ראזענשטאק אין קרובסק, דעם מארגענס איז דיא גאנצע געזינד געזעסין בייא טייא אין עם-

צימער, דארטען איז אויך געוועזען מאיר ווייסבערג, וועלכער איז שוין פאלקאמען געזונד געווארען, אונ מען האט פעסט געזעצט אויף מארגען זאל זיין דיא חתונה מיט דבורהן. דבורה זיצט איהם רעכטס אונ זייא זייגען רעכט צו פרידען פון אייגאנדער. מינדעל זיצט אויך ביין טיש, זיא איז אונמוטהיג, גיט אפט אזיפץ אביטערן. ראזענשטאק מיט דער פרויא ריידען וועגין דיא חתונה. מען ווארט אויף דעם דאקטער פריימאן, וועלכער האט געלאזט זאגען: ער וועט קומען מיט איין וויזיט.

עס עפינט זיך דיא טהיר עס גייט אריין איין אונבעקאנטער. אלע האבין גינומען מורמלען פאר זיך: דאס איז אשדכן... דאס איז דיא פיגורע פון אשדכן. מינדעל האט זיך געשטעלט אונ גייט ארויס אין איהר צימער מיט דיא ווערטער; גוואלד רבוש"ע, ווען וועל איך לויז ווערין פון דיזע שארלאטאנעס?... ער מעג מיר ריידען דיא גליקליכסטע פארטיע וועל איך ניט טאן. איך בין נאר געבארען פאר הימן, אונ אויסער איהם איז גיטא פאר מיר קיין פריינד.

ראזענשטאק האט געבעטין דעם שדכן זיצען. דאס וואר ווירקליך גימפעל משה דער שדכן, וואס איז גיקומען נאך קרובסק מיט יאקאב קארשון.

איך בין אייך גיקומען ריידין אשידוך מיט אייער טאכטער, האט זיך אנגעהייבין גימפעל משה זיך אוים שנייצענדיג דיא נאז אונ זיך גוט אוים הוסטענדיג, אשידוך זאג איך אייך משופרא דשופרא איונגער מאן אפארשוין, אלמדן, אגעבילדעטער אריינער; האט ערסט באקומען אירושה פון 50 טויזינד רובעל דאס איז אלייט.

עס איז אומזאנסט אייער מיהע, ר' קרוב, זאגט ראזענשטאק; מיין טאכטער האט אחתן... ער איז אפילו אוועק גיפאהרין אונ מיר וויסין ניט וואו; נאר ביז איך האב ניט פון איהם אבריף אז צווישין אונז איז אוים, רייד איך ניט וועגין איין אנדער שידוך.

וואס איז שייך, זאגט גומפיל משה; חלעבין... דאס איז איין ענין, וואס איז, עעע... מהיכי תיתי... דעם שידוך קען מען דער ווייליע טאן, וואס איז שייך?... דאס איז אשארפער שידוך פאר אייך, אט וויא איהר זעהעט מיך אאידען.

איהר האט זיך דעם מאל אומזאנסט מטריח גיוועזען, זאגט ראזענשטאק.

וויא הייסט עס? איך פארשטייא ניט מיין שותף, אויך אוויילער יונגער מאן האט אייך געשריבן אבריף אונ איהר האט געהייסן קומן דעם חתן, מיט אמאל זאגט איהר זיך אב... וויא איז דאס...

האט אייער שותף אייך אויס גינארט, מעהר גאר ניסט... צו מיר האט איהר ניסט.

שטייטס איך בין דאך שוין גיקומען צו פאהרין מיט דעם חתן, לויט נאך אייער בריף... אקליינגקייט! פאר פיהר זיך מיט יאקאב קארשון, איך וועל האבין בייא איהם המנם מפלה...

יאקאב קארשון איז דא דא! גיבען אלע אגישרייא אויף אמאל, דען זייא האבין זיך גוט אנגיהערט פון איהם, אהא, טראכט בייא זיך דער שדכן, וואס פאר צחאפ זייא האבין זיך דאס אביסיל גיגעבין... וואהרשיינליך קענען זייא איהם, אונ דער שידוך וועט גיין וויא גישמירט.

ראזענשטאק איז ארויס פון טיש, האט גינומען גיין איבערין צימער אונ רעדט צו זיך; יאקאב איז דא היא... דאס איז וואוהל וויא איך בין אאיד... אבער וואס הייב איך אן צו טאן...

יאקאב קארשון איז דאס טאקע דער יונגער מאן, וואס איך רייד אייך, זאגט ווייטער דער שדכן, איך פארשטייא, אז אייך גיפעלט ער, ווארום איהר קענט איהם... לכן ר' כתריאל, ווען זאל איך איהם זאגין, וועט ער זיך קענען זעהען מיט דער כלה... ווארום איהר פארשטייט דאך אליין איצטיגע יאהרין אומגיזעהען טהוט מען ניט... אייער טאכטער איז אפילו אגרויסע פארשוין, אבער...

בייא דיא רייד האט זיך גיעפינט דיא טהיר אונ עס איז אריין דאקטער פריימאן, — א איך הער שוין מען שרייט, זאגט ער געבענדיג ראזענשטאק דיא האנד אונ דיא איבעריגין הויזלייט... איך האב זיך עטוואס פערזאמט... וואס בייזערט איהר זיך אזו הערר ראזענשטאק? וואס טהוט זיך דא?

וויא גיפעלט אייך איין אקט, הערר פריימאן; אט דער איד קומט מיר ריידין אשידוך מיט יאקאב קארשון... איהר קענט דאך יאקאב קארשון.

נו וואס איז? זאגט פריימאן אגאנץ גוטער שידוך, טהוט דעם שידוך הערר ראזענשטאק.

וואס רעדט איהר העררר דאקטער זאגט דאזענשטאק, ערשטען האט דאך מינדעל אחתן הימן גרינוואלד, זיא ליבט איהם שטערבליך; אונ צווייטען יאקאב קארשון, איהר הערט וואס איהר רעדט.

הערט וואס איך וועל אייך זאגען, זאגט פריימאן, אייער הימן וועט ניט קומען אונ יאקאב קארשון איז פאר אייך אווייל׳ער שידוך אויף מיין עהרענווארט... קומט אקארסט אין קאמער אריין, וועל איך אייך ערקלערין, וואס דאס איז פאר אווייל׳ע פארטיא פאר אייער טאכטער.

מיט דיא ווערטער האט ער גענומען ראזענשטאק פארין האנד אונ האט איהם אריין געפיהרט אין צימער, וואו מינדעל איז געוועזן פריער אריין געגאנגען, אין אפערטיל שטונדע ארום זייען ארויס געגאנגען צוא ריק אין שטאלאווע, זייא וואהרען ביידע רעכט פריילך, — איצטער פערשטייט איהר שוין, העררר ראזענשטאק, זאגט דער דאקטער, אז דער שידוך איז אגאנץ גוטער פאר אייך איהר זעהעט דאך אז אייער טאכטער ווילגט אויך איין.

יע, זאגט ראזענשטאק, דער שידוך געפעלט מיר זייער, איצטער ר׳ קרוב, קענט איהר זאגען דעם חתן, אז איך בעט איהם צו מיר אויף מיטאג היינט אום דרייא אוהר; איך וועל איהם אויפווארטען, מארגען רעכען איך זאל זיין דיא תנאים, מיר געפעלט ער דורך אויס, דען איך קען איהם אונ זיין פאמיליע, ער נאטירליך קען דאך מיר אויך, אז ער איז געקומען אויף תנאים. וואהרשיינליך האט ער נאך געפרעגט.

ער האט געוויס נאך געפרעגט, זאגט גימפל משה אונ איהם געפעלט געוויס, נאר דיא הויפטזאכע פאר שטייט איהר מיך, וויל ער איהר זעהען, טא וויא מאכט מען דאס?

א דאס קען מען גאנץ גוט מאכן, זאגט פריימאן, זיא דארף זא וויא זא גיין אין גאס וואס אויף קויפין אויף דער חתונה פון דער שוועסטער, וועט זיא גיין דורך דען בולוואר, אונ ער וועט איהר קענען זעהען, אונ אז זיא וועט איהם געפעלין זיין, וועט ער קומען אהער צו מיטאג, איך וועל אויך זיין, אונ מיר וועלין שוין אבמאכין אלע פונקטען, וואס געהערט צוא אשידוך אונ מארגען וועט זיין דיא תנאים.

גאנץ גוט, זאגט גימפל משה, דאס איז זייער גלאט אונ גוט...

גאר... איך וואלט וועלין וויסען וואס איז געוועזן מיט דעם בריף, וואס דער מחותן זאגט, ער ווייס ניט.

דער בריף, פאר שטייט איהר מיך, זאגט פריימאן, איז געוועזן אדרעסירט צוא מיר, אונ איך האב איהם פאר געסען אב צו געבין, גיענטפערט האב איך דאס, אז ער זאל קומען, דען איך ווייס וואס איך זאג איז געזאגט, איך בין מיט הערין ראזענשטאק מעהר וויא ברידער.

געוויס, זאגט ראזענשטאק; הערר פריימאן איז מיין בעסטער פריינד, אויף איהם פערלאז איך מיך אין גאנצען, נו גייט ר׳ קרוב אונ מאכט קיין שהיות ניט, דען איך וואלט וועלין האבין צווייא שמחות אויף אמאל; מארגען פאר שטייט איהר מיך איז חופה בייא מיין עלטערע טאכטער, וויל איך עס זאל זיין דיא תנאים פון מיין איינגערע טאכטער אויך גלייך מיט דער חתונה.

אט איך לויף שוין, זאגט גימפל משה... אונ אויף ווארעמעס זאל איך...? ע ע ע?

זאלט איהר אויך זיין, חאפט איהם אונטער ראזענשטאק, וויא דען, אשדכען איז ארעכטער מחותן.

אט דאס מיין איך טאקע, זאגט גימפל משה אונ איז ארויס געגאנגען זייער פריילך.

14.

דיא דאקומענטען.

ווען גימפל משה איז אוועק געגאנגען צו כתריאל ראזענשטאק, איז יאקאב קארשין געבליבען אליין אויף זיין קוואטיר אין ענגסטליכער ערווארטונג. ווער ווייס מיט וואס פאר איין בעשייד גימפל וועט קומען? רעדט ער צו זיך. פיליכט האבין מיינע שונאים אנגירעדט אויף מיר אביסעל פון מיין לידערליכען לעבין, דאן קען זיין וועלען זייא איהם ארויס טרייבען, דאן בין איך אונגליקליך... גאר ניין, עס קען ניט זיין, ער האט דאך ערהאלטין אבריף איך זאל קומען, געוויס האבין זייא נאך גיפרעגט, אונ אגוטער פריינד זאגט גוטעס; וואהרשיינליך האב איך גוטע פריינד. א וויא איך

וואלט שוין גערן ער זאל קומען... א אויב ער קומט מיט איין פריי-ליכע בשורה בין איך גליקליך... דען מען לויבט אזו מיין כלה, דאס איז אזא שוינהייט, וואס מען זעהט גאר ניט אין אונזער גע-גענד דער צו איז זיא אקלוגע... היינט נאך צעהן טויזענד רובל!... אקליינינקייט צעהן טויזענד רובל מזומן! בין איך דאך אגביר! דער צו האב איך איין מויער אונ איין ריאד קראמען... איך וועל לעבען מיט מיין ווייבעלע אין שלום אונ אין אחדות, איך וועל פון שטוב ניט ארויס געהן אן איהר ידיעה, וועל פיהרען איין ארדענטליכעס לעבען, וויא עס געהערט צו זיין... דאבט זיך עס דארף גיין גוט, שטערין איז דא ניטא ווער, טייבעלע איז דאך טויט, קיין שקאנ-דאלען קען זיא ניט מאכען איך מעג זיין רוהיג, חלעבין... אי שונאים קענען קומען... נו דאס איז ניט אזו גיך... אונ ווייטער דארף מען טאקע זיך צו איילען. עס זאל טאקע זיין באלד תנאים אונ באלד דיא חתונה, וואס זאל מען ווארטען? קיין אבהאלט ב"ה איז ניטא אין וואס, ביא תקיפע מענשין, פעהלען פעהלט ב"ה קיין זאך ניט. יע איך וועל זעהען עס זאל זיין דיא חתונה טאקע וואס פריער... אונ גלייך אויף מארגען נאך דיא תנאים גייא איך אויף דעם בית עלמין, וועל אויף זוכען טייבעלעס קבר, וועל זיך גוט אויס וויינען, דען איך בעדויער איהר זעהר... נעבעך איונ-גינקע ליגט אין דער ערד איבער מיין לידערליכעס לעבען; אבער דער פאר וועל איך איהר שטעלען איין מצבה אגבירישע, אז ווער עס וועט פארביא געהן, זאל זיך אבשטעלען בעוואונדערן... געוואלד, אבער וואס זאמט אזו לאנג גימפל משה? מיין הארץ איז מיר אונטערן אייז... שא, עס הערט זיך טריט, דאס מוז ער געהן.

עס עפינט זיך דיא טהיר האסטיג, עס לויפט אריין גימפל משה אויסער אטהעם.

נו, שרייט יאקאב איהם לויפענדיג ענטגעגין, וואס הערט זיך? איך זעה איהר זייט פרייליך.

געווים בין איך פרייליך, זאגט גימפל שאפענדיג. נו גיכער טהוט זיך אן אונ געהט...

וואו הין געהן? פרעגט יאקאב.

שטייטס וואו הין? זעהען דיא כלה! גייט אפען בולוואר, עס איז דא ניט ווייט. זיא וועט דארטען דורך געהן, וועט איהר זיא

זעהען... אי איז דאס אכלה! אי איז דאס אשוינהייט!... אפרינ-צעסין זאג איך אייך, הערר קארשון.

איהר האט איהר גיזעהן? פרעגט קארשון זיך ראש אנקליידענדיג.

וויא הייסט עס איך ניט זעהען! שרייט גימפעל, איך בין דאך עפעס אשדכן, אגאלד, אברילאנט, אזייד, אפלוים... איך ווייס אליין ניט וויא צו זאגען; דען וואס איך זאל זאגען איז אלם ווייניג.. נוא שוין גיכער קליידעט זיך אן... אי האב איך דאס גיהאט צרות... איהר מיינט עס איז דאס מיר אזו גלאט אראב?... איך האב גיהאט צרות אפען פוד זאג איך אייך.

אזו! זאגט יאקאב בעוועגט, מען האט ניט גיוועלט? געווים איז דא גיווען שונאימשע ציננ.

געווים איז דא גיוועז איד פון אשונא באמצע... קריעת ים סוף זאג איך אייך בין איך אוים גישטאנען; נאר אנם וואס דארטין איז ארויף גיקומען איינער אגוטער פריינד זייערער פריימאן, אונ ער האט מיר דורך גיטראגען. איצטער איז דער אינטערעס אבגימאכט, עס איז רעכט... פריער וועט איהר זעהען דיא כלה אפען בולוואר, אונ אז זיא וועט אייך גיפעלען זיין, זייט איהר איינגעלאדען צו זייא אויף מיטאג היינט.. נאר שייך גיפעלען! אז דאס איז איין ענגעל, אמלאך וויא איהר זעהט מיך אאידען, וויא קען זיא ניט גיפעלען זיין? לכן צו מיטאג וועט מען שוין אבריידען אלע קאנדיציעס, וויא פיל צו געבען אונ וואס צו געבען, אונ אייך זאג איך אן, ר׳ יעקב, איהר זאלט זיך פיל ניט לאזען דינגען, וואס מען וועט פון אייך פערלאנגען זאלט איהר געבין, עס זאל גיין וויא געשמירט, איהר פארשטייט? ניט אלע טאג טרעפט זיך אזעלכע גליקען, איבער-הויפט אז איהר זייט, זאלט איהר מיר קיין פאראיבעל ניט האבין, אביסעל בעשמוצט פון אייערע אויפפיהרונג.

איך וועל זיך געווים ניט דינגען, אונ וואס איך וועל קענען וועל איך געווים צו זאגען אונ וועל געבין, אונ ווייטער זאל גאט זיין צו הילפע. מיט דיא ווערטער איז ער ארוים גיגאנגען מיט גימפלען, ער איז ארויף אפען בולוואר, אונ גימפל האט זיך גע-שטעלט פון נייטען נאך שפירען.

דאס וועטער וואר שיין, אבער שוין גוט קאלט. יאקאב האט גיטראגען אמאנטל מיט אפאלערינע, אצילינדער הוט מיט אפאנס-

נע. איז זיך פריער ארום גיגאנגען דעם בולוואר, נאך הער האט ער ארויס גינומען זיין פארטסיגאר, האט זיך פערדרייכערט אפאפי-רוס, האט זיך גיזעצט אויף אבאנק און ווארט. עס גייען פערשידענע מענשין, אויך פריילין און דאמען, ער זעהט אלערלייא פיגורען, אלערלייא פאסאנען, האט זיך גיזאגט זיינע מיינונג, אז זייא גע-פעלען איהם קיינער ניט, דיא איז צו קורץ, דיא צו לאנג, דיא צו ברייט, דיא צו בלאנדין, דיא צו קאקעטקע, דיא צו יענטיש; עס איז פארבייא גיגאנגען איינע אהויכע, אשלאנקע, ווייס וויא שנייא מיט ארייצענדעם פורפור אויף דיא וואנגען, מיט אריייצענדע פהיזיאנאמיע, געקליידעט איז זיא איינפאך. וויא זיא האט דער זעהען יאקאבען, האט זיא גיוועלט צו געהן, געבען דיא האנד און זאגען: הערר וויסבערג, וויא קומט איהר אהער? איך האב דאך איך גילאזען דער היים. דען וויא מיר ווייסען, האט יאקאב גיהאט איין אנבליק מיט וויסבערגען. זיא האט זיך גלייך אחאפ גיטאן צו-ריק און איז האסטיג אוועק. יאקאב איז געבליבען בעצויבערט פון איהרע שיינהייט, אבער זיא איז איהם פארגעקומען צו איינפאך געקליידעט פאר אכלה. אויב דאס איז זיא, קלערט ער, קען קיין גרעסערע שענהייט אויף דער וועלט ניט געבען; און ווידער קען זיין אז דאס איז זיא, דען זיא האט זיך גוט איינגעקוקט אין מיר, אבער זיא ווייזט ניט אוים, וויא אכלה, וואס וויל זיך ווייזען... אבער אויב ניט זיא האב איך נאך קיין שיינע פרויענצימער ניט גיזעהען... זאל זיא מיר האבין אוים גענארט?... שא ווער הוסט דארטען?

ער גיט אקוק אן אזייט, ער זעהט גימפל משה שטייט און ווינקט איהם מיט דער האנד, אז דאס איז זיא. יאקאב האט גינומען געהן האסטיג, און איז אוים גיקומען איהר ענטגעגען; ער וואר ענטציקט. ער גייט אראב פון בולוואר, גימפל גייט צו איהם צו און זאגט: אהא! וואס האב איך גיזאגט?

וואוהל! אפראכט! זאגט יאקאב. איך זעה ערסט צום ערסטען מאל אויף מיין לעבען אזא שוינהייט. איך בין ענטציקט. איהר וועט שוין בייא מיר האבין גוטע שדכנות און מיט אגוטען פראזענט אויך.

איהר זאלט נאר בייא דיא פונקטען ניט זיין שטאלץ בייא זיך,

ואגט גימפל משה, ווייטער וועט זיין רעכט אי"ה. מיט דיא רייד ויינען זייא גיקומען צוריק אויף יאקאבס קווארטיר. דארטען האבין זייא שוין געפונען אמענשין פון ראזענשטאקען, צו בעטען יאקאבען אויף מיטאג היינטע אום דרייא אוהר. יאקאב האט דערלאנגט דעם שליח אדריירובלדיגען, אונ זאגט: ער וועט קומען.

עס איז שוין 12 אוהר. דיא דרייא שטונדען האט ער צו גיבראכט אין זיין טואלעט, ער האט זיך אנגעקליידעט עלעגאנטיש אונ האט געווארט אויף דיא דריטע שטונדע מיט דער גרעסטען אונגעדולד, עס וואר איהם דיא צייט צו לאנג. דער ווייל האט ער אימער גיבראכט אן זיין צו קינפטיגען גליק; ער האט זיך פאר גישטעלט, וואס פאר אפוראר ער וועט מאכען, אז ער וועט קומען אהיים מיט אזא פרויא, אונ ווען ער וועט זיא פארשטעלען פאר זיינע קאמעראדען. ער וואר העכסט גליקליך. אום דרייא פירטעל דרייא האט ער זיך ארויף גיווארפען דעם מאנטעל, איז אראב פון דיא טרעפ, האט גענומען איין איזוואסציק אונ האט זיך געהייסען פיהרען צו הויז ראזענשטאק.

ביא ראזענשטאק זיינען שוין גיוועזען אלע אנגעפאהרען צו מיטאג, הערר פריימאן, אונ ווייסבערג זיינען אויך גיוועזען געלאדען. וויא יאקאב איז אריין אין שטוב וואר יעדער זעהר ערשטוינט, זייא האבען געמיינט ווייסבערג איז אריין, אונ דא זעהען זייא, ווייסבערג זיצט ביין טיש. — יעצט פארשטייט זיך, טראכט יעדער ביא זיך, דער וואס האט געוואוסט דעם טעות וואס טייבעלע האט גיהאט, יעצט איז קלאר, אז טייבעלע האט גיהאט אשרעקליכען טעות אונ איהר קען מען גאר נישט בעשולדיגען.

ביא דער ערסטע איבערראשונג איז יאקאב געבליבען שטיין אין פערלעגענהייט. נאר ראזענשטאק האט זיך גלייך געחאפט, איז גיגאנגען איהם ענטגעגען, גיט איהם דיא האנד אונ זאגט: עס פרייד מיך זעהר הערר קארשון קענען צו לערנען, אונ עס וועט מיך געוויס פרייען, אז איך וועל זיא קענען אנרופען מיין זון.

איך וועל מיך גליקליך שעטצען איך זאל מיך אזוא קענען אנרופען, זאגט יאקאב, אונ איך וועל מיך בעמיהען דיזען נאמען ווירדיג צו זיין. נאכדעם האבין איהם דיא איבריגע געסט גיגעבען דיא האנד; ער האט גיהאט דיא שענסטע אויפנאהמע. מינדעל

האט איהם אויך גיגעבען די האנד אונ האט אויף איהם וועדר מילד געקוקט. ער וואר ענטצוקט.

מען האט זיך גלייך געזעצט צום טיש, אונ מען האט דערלאנגט דעם מיטאג. עס ווארען פון די בעסטע געריכטע אונ ווייגען, מען האט גערעדט פון צייטיגע זאכען פון פאליטיק, אויך פון דער חתונה ווייסבערגס מיט דבורה'ן. גימפל משה איז אויך געווען.

נאך דעם עסען, וויא אלע זיינען אויפגעשטאנען פון טיש, האט ראזענשטאק אבגערופען דעם דאקטאר פריימאן אן א זייט, האט מיט איהם גערעדט א ווײלע אין דער שטיל, נאכהער האט פריימאן צו גערופען יאקאב'ן; גימפל משה איז אויך צו געגאנגען.

הערט צו, הערר קארשון, רופט זיך אב צו איהם פריימאן, יעצט קענען מיר ריידען וועגען אייך. דא האלט עס אזוי: די משפחות געפעלען זיך איינאנדער, אז ניט פארשטייט איהר, וואלט מען דאך אייך ניט געשריבען צו קומען; אייך געפעלט די כלה, דען ווען ניט וואלט איהר דאך ניט אנגענומען די איינלאדונג אהער יעצט; איהר געפעלט אויך דער כלה אונ הערען ראזענ-שטאקען, חאטש עס האבען זיך געפונען גוטע מענשען, וואס האבען אויף אייך גערעדט עפעס ניט אזוי; נאר דאס איז שונאים, וועלכער מענש האט דאס קיין שונאים ניט? אונ ווען אפילו עס איז יע דא א מקצת אמת, קען מען אונגען מענשען פערצייהען מיר ווייסען אז דאס קען זיך בעסערן. דער מחותן גיט נאך צעהן טויזענד רובל, דאס ווייסט איהר, אונ א כלה אגעראטענע נעהמט איהר. — אלזא פערלאנגט דער מחותן פון אייך מעהר ניט א קלייניגקייט: איהר זאלט איבערשרייבען אייערע הייזער אויף אייער פרויא'ס נאמען.

א דאס איז צו פיל, זאגט יאקאב. וואצו האט איהר נייטיג וועלכע פארזיכט צו נעהמען.

אויב איהר ווילט בעווייזען, אז עס איז פאלש וואס אייערע פיינ-דע האבין גירעדט, מוסט איהר דאס טאן; אונ ווייטער וואס האט איהר צו פירכטען? אז מען לעבט מיט איין פרויא אין אחדות, איז דאכט זיך קיין אונטערשיד, אויף וועמעס נאמען דאס פערמעגין איז.

איהר זייט גירעכט, הערר פריימאן; נאר אז מען איז ווירטה, ווילט זיך זיין אין גאנצען, איך וועל איהר בעסער געבין א תוספות

כתובה אויף וויא פיל איהר ווילט.

דאס קען אנדערש ניט זיין, מיין פריינד, אונ ווייטער זייט זיך מיישב, זאגט פריימאן אונ האט אבגעטרעטען פון איהם. יאקאב איז געבליבען אליין פארטראכט.

איהר זאלט זיך פיל ניט לאזען דינגען, זאגט צו איהם גימפל משה... איהר ווייסט זייא זיינען גאנץ גירעכט, וואס זייא פארלאנגען דאס... הערט, צווישען אונז זאל דאס בלייבען, איהר ווייסט דאך אליין, אז איהר האט אויס געבראכט שיינע עטליכע רובל פון אייער ירושה, — ווילען זייא טאקע פארזיכטיג זיין, אז איהר זאלט ניט קענען אויס בריינגען דעם פערמעגען... ווער ווייס, וואס עס קען זיך מאכען? איצטער זייט איהר בעשלאסען צו זיין איין ארענטליכער מאן... אבער וואס ווייס מען, וואס שפעטער וועט זיין?... דיא קארטען בריינגען צו אלעס אין דער וועלט, אונ אקערטל האט איהר ניט פיינד... אפשטער וויל זיין קינד פארהיטען, וואס איז דיא עולה? איצטער איז צייט, אז עס באקט, זאל באקען. איהר הערט וואס איך זאג אייך.

אבער וואס טהוא איך? רופט זיך אב יאקאב, ווער ווייס וואס עס קען זיך מאכין, עס קען דאך טרעפען מען לאזט אב אשידוך, אונ דער ווייבע וועט זיין מיין גאנצער פערמעגין אויף איהר נאמען, איהר פערשטייט ר' גימפל, וויא מען דארף פארזיכטיג זיין.

דער צו איז דא איין עצה, זאגט גימפל משה; מען שרייבט איין דאקומענט, אז איהר שרייבט איבער דיא הייזער פאר אייער ווייב. פארשטייט איהר? אבער וויא באלד זיא וועט ניט זיין אייער ווייב, זא איז דער דאקומענט קיין דאקומענט ניט. איהר פארשטייט, ר' יעקב.

אהא! איהר זייט גירעכט, זאגט יאקאב, איך בין מרוצה, וואס זאל איך טאן?

גימפל משה איז גלייך צו געגאנגען צו ראזענשטאק אונ האט איהם איבער גיגעבין אז יאקאב איז מרוצה צו טאן זיין פערלאנגען.

גלייך דארויף איז ראזענשטאק מיט יאקאבען אוועק געפאהרען צו נאטאריוס איבער שרייבין זיין הויז אונ דיא קראמען אויף זיין פרויס נאמען.

יאקאב האט געלאזט זאגין דורך דעם שדכן, אז ער וואלט זיך

וועלין

וועלין דורך ריידין מיט דער כלה, האט ראזענשטאק געענטפערט, אז גלייך וויא מען וועט אבענדיגען דיא דאקומענטין וועט ער זיך קענען מיט איהר ריידען, וויא פיל ער וויל.

בייא דעם נאטאריוס האבין זייא אבגעזאמט ביז נאכט, זא איז געבליבען, אז מארגען וועט ער זיך מיט איהר זעהען, — איהר וועט שוין האבין אידיעה, זאגט ראזענשטאק צוא זאמענגלייגענדיג דיא פאפירען אונ אריינלייגענדיג בייא זיך אין דער טאשע; מארגען וועט איך שוין לאזען וויסען וואו איהר וועט זיך מיט איהר זעהען צוא בייא מיר, אדער אנדערם וואו דען עס קען זיין, אז איהר וועט זיין מארגען געלאדען אויף אפריהשטיק צו אויף מיטאג בייא מיינע אשוועסטערקינד. מיט דיא רייד האט ער זיך מיט יאקאבען צו קוסט אונ זייא זיינען זיך ביידע פאנאנדער געפאהרען יעדער אויף זיין וואוהנונג זייער פרייליך.

15.

דיא חופה פארין טויט.

דיזע נאכט האט יאקאב צו געבראכט זייער פרייליך, וויא ער איז געקומען אויף זיין קוואטיר האט ער זיך גלייך געלייגט שלאפין אום דורך דעם שלאף זיינע אונגעדולדיגקייט צו פערטרייבען, ער וואלט שוין גערין ערווארטען מארגענדיגען טאג אום צו זעהען זיך מיט זיין ליבע כלה, עס האט איהם אבער קיין שלאף ניט גענומען, ער האט זיך געוועלצט פון איין זייט אויף דיא אנדערע, געזוכט זיך מיטלען וויא איינצושלאפין, אבער דיא פריידע האט איהם ניט גילאזט שלאפין, אויך דיא זיסע גידאנקען מיט דיא גוטע האפענונגען האבין אים איין אויג ניט גילאזט צו מאכין, ענדליך נאך האלבע נאכט האט ער עטוואס איינגעשלאפין, דא האבין זיך איהם בעוויזין וייטער גוטע חלומות, עס שטעלט זיך איהם פאר, וויא ער שטייט אונטער דער חופה מיט פריילין ראזענשטאק, וויא זיא קוקט אויף איהם מילד, וויא זיא קוסט איהם; עס שטעלט זיך איהם פאר, וויא ער פאהרט מיט איהר שפאצירען, וויא ער איז מיט איהר אין טעאטער אונ אלע זיינען איהם מקנא; נאך דעם וויא ער לעבט מיט איהר צוא

הויזע אזו גליקליך; עס האט זיך איהם פארגישטעלט, וויא טייבעלעס קבר ברעכט זיך פאנאנדער, זיא גייט ארויס אקליינינקע אהעסליכע מיט אמאל ווערט זיא שענער אונ שענער, זיא האט גענומען שיינען וויא דיא זון, זיא איז צו געגאנגען צו איהם מיט אליבליכין שמייכעל, האט איהם גערייכט דיא האנד, אונ ער איז גיוועזן אזו צוא פרידען דער פון...

אין אזעלכע זיסע טרוימע האט ער צוא געבראכט, ענדליך איז ער אויפגעשטאנען, עס איז שוין גיווארין טאג. — נו, רעדט ער צו זיך, היינט האט אנגיבראכין דער טאג, דער גליקליכסטער פון מיין לעבין, באלד אין אפאר שטונדען ארום וועל איך בעקומען איינע איינלאדונג, וואו איך וועל האבין דיא פריידע צוא זעהען זיך מיט מיין כלה, וואס איך ליב אזו שטערבליך, איך וועל זיך מיט איהר דורך ריידין, אריידין קען איך ניסקאשע! זיא וועט מיך ליב באקומען שטערבליך דען איך בין דאך טאקע אשיינער יונג אונ פון מיינע זיסע רייד וועט זיא זיין ענטציקט.

ער האט זיך גינומען ארום וואשין, אנקליידען זיך ווידער אנדערע קליידער וויא ער האט גיטראגין נעכטין ביי ראזענשטאקין צו מיטאג, דער ווייבע האט מען איהם אריין געטראגען אשאמאוואר מיט צוויבאק, האט זיך גיזעצט טרינקען טייא.

נאכהער האט ער גענומען ארום גיין איבערין צימער, אונ אלע ווייבע פלעגט ער זיך אב שטעלען ביין פענסטער קוקען צוא גייט שוין ניט אשליח צו איהם.

וויא וואוהל, וויא עכט, עס האט זיך דאס גענומען דרייען מיין רעדיל, רעדט ער צוא זיך, בין פון מיין צרה לויז גיווארין גאר אן שום חלאפאט אונ איצטער האב איך אכלה אזא שיינהייט אונ אמחותן אזא לייטישען מענשען, היינט נבן צעהען טויזינד רוביל, וואס מיר האט זיך גאר ניט געחאלעמט, מען פלעגט מיר אלעס ריידען אזעלכע שידוכים, קוים מיט אכט הונדערט רוביל מיט טויזינד רוביל, אונ דיא כלות קיין איינע ארעכטע ניט גיוועזן.. חאטש איך האב אשיינע ירושה, נאר צום אונגליק וויים מען מיין מענש, אונ פאר מיינע מענשהייט גיט מען גאר ניסט. — מיט אמאל לאזט זיך אוים אזא שידוך! איך צערשפרינג פראסט פאר פריידע אויף נאמנות, יע, ער האט זיך אביסעל באווארינט, איך

האב

האב געמוזט איבער שרייבען מיין פאר מעגען אויף איהר נאמען... נאר וואס ארט דאס מיך? אז זיא איז מיין פרויא, איז דאך דאס אלס דאס זעלבע... איך האב זיך ערא‌ינערט אן יענע טייבעלע, איך באדויער איהר זייער, וואס זיא איז געבאך אוועק אונגע פון דער וועלט, נאר ווער איז איהר שולדיג? איך האב איהר דאך ניט געשטופט אין וואסער ווער האט איהר געהייסען זיין א זא נאר? וואלט זיא לעבין, וואלט איך איהר געוויס ניט פערלאזין, נאטירליך חתונה האבין ניט; וואס דארף איך איהר, אז איך קען מאן אבעסערין שידוך? געלויבט איז גאט, אז איך בין לויז געווארען פון איהר; דאס איז עפעס אזא מין קלעק געוען, אזא מין פעך... זאל איהר מיין ווארט ניט צו שווער זיין... אז זיא האט מיר מיין לעבין פראסט פאר ביטערט, אנדערס האב איך ניט גיקענט פון איהר לויז ווערין, שיידען אזו וויא איך האב גיטאן לאזין איהר אין וואגאן... אונ ב"ה עס איז אראב אזו גלאט, אזו שטיל, וואס איך האב זיך בארויף ניט געריכט... א וויא גליקליך איך בין! היינט וועט זיין מיינע תנאים... נאר איך ווייס ניט, וויא וועט זיין? עס דארף דאך היינט זיין דיא חופה פון זיין עלטערע טאכטער... גו וועט זיין מיינע תנאים בייא טאג היינט, אונ אז מארגען וואס מאכט עס אויס, — דאס איז שוין אלעס איינס... איך וואלט שוין גלאט וועלען זיך זעהען מיט איהר... עס איז שוין צעהען אפערטיל אויף עלף אונ איך האב נאך קיין ידיעה; נאר מיט דיא פריילין, הייבט זיך אן זייער טואלעט, איז דאך דאס אמעשה אן אסוף...

עס גייט אריין אמענש איין אונבעקאנטער, דער לאנגט איהם אצעטעלע אונ גייט ארויס, יאקאב לעזט אזו; הערר יאקאב קארשון! האבע דיא עהרע, זיא בייא מיר אויף איין פריהשטיק איינצולאדין, פריילין ראזענשטאק איזט שאן בייא מיר, איהר צוקינפטיגער קוזין הירש זילבער שטיין, אדרעסע לעמבערגער פארשטאדט, הויז נומער פיהר.

בייא דיא ווערטער גיט יאקאב אשפרונג אונ אפאטש מיט דיא הענד. — פריילין ראזענשטאק איז שוין דא!... מען לאדעט מיך אויף פריהשטיק מיט איהר צו זאמען... א וויא גליקליך איך בין!... איך מוז שוין לויפען... שוין פאהרען... אבער וויא ווייט עס איז... דאס איז אויף יענער זייט טייך... איידער מען דער פאהרט..

אך

אך וויא לאנג מיר איז דיא צייט! מיט דיא ווערטער האט ער זיך גלייך אנגעקליידעט, איז אראב פון דיא טרעפ, האט גינומען איין איזוואסציק אונ איז אוועק גיפאהרען. דאס הארץ האט אידם גע-קלאפט פאר פריידע. ער איז צו גיפאהרען צום נומער פיר, שטייגט אב פון איזוואסציק, גייט אריין אין פאראדנעם חאר, עס גייט אידם ענטגעגען הירש זילבערשטיין, רייכט אידם דיא האנד אונ זאגט: הערר קארשון, ביטע, איך האבע דיא עהרע איהר צוקינפטיגער קוזין צו זיין. יאקאבווארפט אראב פון זיך דעם מאנטעל אונ הייגט אויף דער וועשעלקע אונ געהט נאך זילבערשטיין. דיזער האט אידם דורך געפיהרט אפאר צימערן, האט אידם גיעפינט אטהיר אונ זאגט: היער איז פריילין ראזענשטאק. יאקאב איז אריין פריער זילבערשטיין פון הינטען.

דאס צימער וואר דונקעל, דיא פענסטער פערהאנגען מיט דיקע פארהענגען, אויף דער דילע אקאוויאר, דיא מעבעל רייך אבער פון דונקעלער פארב. ביא זייטע שטעהט אבעטיל דער בייא אטישעל מיט קליינע פלאקאנציקעס פון מעדיצין; אויף דעם בעט זיצט האלב גילעגען אפיגורע פון אפרויענצימער שרעקליך בלאס, ארום געלייגט מיט קיססענס. וויא יאקאב איז אריין גיגאנגען, איז ער שוין גע-בליבען צו טומילט: וואס איז דאס פאר אוויזיט, קלערט ער ביא זיך. מען פיהרט אידם צו אקראנקען. — וואו איז פריילין ראזענשטאק? פרעגט ער בייא זילבערשטיין, וועלכער איז אידם גישטאנען בייא זייטע; איהר האט זיך געמוזט אירען, זיא מוז זיין אין איין אנדער צימער.

היר איז זיא, זאגט זילבערשטיין ווייזענדיג אפען בעטעל.

פריילין ראזענשטאק איז דען קראנק? פרעגט ער העבסט בע-וועגט, צו גייענדיג צום בעטעל. פלוצלונג גיט ער אטראט צוריק אונ גיט אגעשרייא: וועמען זעה איך? טייבעלע!

אשוידער איז אידם דורך גילאפען אלע גלידער, דיא פיס האבין זיך אידם אונטער געהאקט אז ער איז באלד גיפאלען, ווען זילבער-שטיין וואלט אידם ניט צו גיהאלטען. פון אנפאנג אין דעם ערסטען מאמענט איז ער גיווארען צו טומילט. נאכהער זיינען אידם בע-פאלען איינעגע שרעקליכע געדאנקען: טייבעלע לעבט, זא איז פאלש איהר בריף וואס דער אונבעקאנטער האט מיר גיגעבען נאך

דער היים, דא וועט ווערען אשקאנדאל, ראזענשטאק וועט זיך דער וויסען, און אויב דאס איז ראזענשטאקס קוזין, זא האט מיר ראזענשטאק אונטערגעפיהרט דעם שווינדעל. שלעכט דא איז סייא וויא סייא פערלארען אלע מיינע זיסע האפפונגען, ניטא פאר מיר פריילין ראזענשטאק, ניטא פאר מיר דיא צעהן טויזענד רובל נדן. א פערפלוכט זאל זיין דער טאג, וואס איך האב זיך בעקענט מיט דער צערטאוועקע דיא טייבעלע. עס וואר איינע פוזע.

יאקאב, רופט זיך אב טייבעלע מיט אשוואכע שטימע דוא... האסט... זיך... פאר מיר... ערשראקען... וויא... פאר... אגישפענסט (מת)... א... אמאל... איז ניט... אזו גיוועז... יאקאב... יאקאב!

איך בין צו טומילט, זאגט ער שטאמלענדיג, ווייל איך האב גיהערט, אז...

אז... איך האב... זיך ערטרונקען, זאגט זיא... יא מענשין... האבין מיך... צוריק גערופען צום... לעבען... אום... נאך צו... קוועלען זיך... אויף דער... וועלט... אבער ניט פיל... וועט עס דויערן. דא האט זיא זיך פאנאנדער גערוסט.

איך וועל אייך דער ציילען, זאגט זילבערשטיין. איהר איז שווער צו ריידען. זיא האלט ביי דיא לעצטע מינוטען, זאגט ער איהם אפען אויער.

אהא, טראכט יאקאב, ביי דיא לעצטע מינוטען: קען נאך זיין, אז איך וועל באלד פון איהר לויז ווערדען.

זיא האט זיך ווירקליך געטרונקען, איך בין גראד גיוועזן אפען ברעג יעמאלט האבין מיר איהר ארויס גענומען פון וואסער, אבער זיא איז שוין גיוועזן וויא טויט. אנדערע האבין איהר געמינטערט, האבין איהר ארום געזוכט דיא קעשענעס צו דער גיין ווער זיא איז און דיא אורזאכע, וואס האט איהר גיבראכט דער צו. מען האט געפונען אצעטעלע צו אגעוויסען יאקאב קארשון פון קיסנעמיר. דארטען איז גיוועזן איונגער מאן צווישען אונז, וועלכער האט גיזאגט ער קען דעם קארשון, און ער וועט איהם דעם צעטעלע איבער געבין.

יעצט איז רעכט, טראכט ביי זיך יאקאב. איז שוין דא קיין פאלש ניט גיוועזן.

מיר זיינען דאך אידען, האט אנגעהייבען ווייטער זילבערשטיין,

מיר

מיר האבין אנגעווענדעט אלע מעגליכקייט, מיר האבין איהר אבגערעטעט, אונ איך האב איהר צו גענומען צו זיך, האב פאר איהר נישט גיזאלעוועט. זיא איז גיווארען גאט צו דאנקען בעסער. נאר מיט דריא טעג צוריק האט זיא געבארען א קינד. דיא געבורט איז צו גיגאנגען שרעקליך שווער, זיא איז אבגעלאפין. קורץ זיא איז היינט גיפעהרליך, זיא האלט ביין שטארבין (זאגט ער איהם אפען אויער).

וואו איז דאס קינד? פרעגט יאקאב.

דאס קינד איז ביא איין אממע, זאגט זילבערשטיין. געכטען בין איך גיוועזן ביא דעם נאטאריוס, ווען איהר זייט דארטען גיוועזן אונ האט עפעס גישריבען דאקומענטען. איך האב פון דיא רייד דערוואוסט, אז איהר זייט יאקאב קארשון אויס קיסנעמיר. מיר איז אריין אין זינען, אז איהר זייט דאס דער קארשון, וואס טייבעלע האט אלס דערמאנט. איך האב דאס טייבעלען דער צייל'ט, אז איהר זייט היא; האט זיא גיזאגט, זיא וואלט וועלען אייך זעהען פארן שטארבען. אלזא וויא איך האב גיהערט, וויא ראזענשטאק האט אייך גיזאגט, אז זיינער אקוזין וועט אייך איינלאדען הייטע אויף פריהשטיק מיט זיין טאכטער, — האב איך דאס געטאן דעם פאלש אונ איך האב אייך אונטער דעם נאמען אהער איינגעלאדען. עס איז אפילו ניט ארענטליך, אז מען טהוט אפאלש, נאר צו טאן דעם וואונש פון איין שטערבענדען, קוקט מען ניט אויף אזעלכע זאכען.

אונ ראזענשטאק ווייס ניט פון איהר? פרעגט יאקאב.

ער ווייס ניט פון איהר אונ ניט פון מיר; ער קען מיך גאר ניט, זאגט זילבערשטיין.

דא האט יאקאב אויפגעאטעמט פרייא. נו געלויבט איז גאט. זאגט ער צו זיך, עס קען נאך זיין עס זאל אראב דיא זאך גלאט. וויא, זאגט ער הויך צו זילבערשטיין, אונ ראזענשטאק וועט ניט וויסען?

דאס ווענדט זיך, ענטפערט זילבערשטיין, אויב איהר וועט טאן איהר פערלאנגען.

א, איך וועל טאן אלעס, וואס זיא וועט פון מיר פערלאנגען, טראכט ביא זיך יאקאב. דיא נשמה וואלט איך איהר אויך אוועק געבען; נאר לאז זיא שוין שטארבען... אוי איין אונגליק אויף מיין קאפף, אויף אזא מפלה האב איך זיך גאר ניט געריכט... דער

ווײלע דארטען האט מען געמוזט שיקען נאך מיר, און איך קום ניט; עס וועט זײן זעהר גראב פון מיר; נאר איך וואלט שוין גערן, וויא עס איז לויז ווערין פון דאנען.

יאקאב, רופט זיך אב טײבעלע זעהר שוואך... דוא מוזט... אויף מיר... פאראיבעל האבין... וואס איך... האב דיך גערופען... גאר ניט פיל... ווערסטו לײדען... פון מיר... איך וויל... דיר זאגען... אפאר ווערטער... אײדער מײן זון... וועט אונטער געהן.

לאם איך איהר חאטם זײן גוט דיא לעצטע סעקונדען טראכט בײא זיך יאקאב און האט זיך געשטעלט אויף דיא קניע פאר איהר בעטעל. — פערצײהע מיר, טײבעלע, זאגט ער מיט אװײנענדע שטימע, פערצײהע מיר, וואס איך האב דיך אזו שלעכט בעהאנדעלט.

איצטער... בעטסט דוא מיך... אום פערצײהונג, זאגט זיא, בשעת... איך האלט בײא דיא לעצטע ציגען... אז איך וואלט זײן געזונד... וואלסטו דאס ניט זאגען... נאר... איך פערצײהע דיר... מײן פרײנד... איך וויל ניט שטארבען... און מיטטראגען מיט זיך... א שנאה געגען יענעם, וועלכער... האט מיר גיגעבען... מאנכע זיסע סעקונדען... אויף מײן קורצען לעבען... איך וויל דיר פערצײהען... אבער... מיט דעם בעדינג...

איך וועל טאן פון דײנט וועגין אלעס אין דער וועלט, זאגט יאקאב... איך וועל דיר שטעלען א'ין מארמארנע מצבה...

אשײנע מתנה... גיסט דוא מיר, זאגט זיא מיט אשוואכען שמײכעל...

וואס דען קען איך דיר געבען? זאגט ער, איך וואלט דיר געבען אלעס אין דער וועלט, איך וועל רופען דאקטורים, וועל דיר געבען דיא גרעסטע פפלעגע.

עס וועט נישט... העלפען... זאגט זיא הוסטענדיג... מיט מיר איז אוים.

וואס דען? פרעגט ער.

דוא האסט פערגעסען... יאקאב... אז פון אונז... איז געבליבען... אזאלאג... פון אונזער ליבע... פון זײן געבורט... שטארב... איך איצטער...

איך וועל דאס קינד ערציהען וויא אטרײער פאטער; עס וועט איהם מעהר ניט פעהלען פײגעל מילך.

דאס איז ווייניג... זאגט זיא.

וואס דען קען איך טאן? פרעגט ער

איך וויל ניט... דאס קינד... זאל זיך רופען... מיט דעם... שענדליכען נאמען... ממזר... ווארום... זאל ער... זיין שולדיג איבער אונזערע... דומהייטען?

וואס קען מען טאן דער צו? זאגט יאקאב.

איהר זאלט מיט איהר חתונה האבין, זאגט זילבערשטיין.

חתונה! גיט אגעשריי יאקאב אטראט געבענדיג צוריק, וויא איינע שלאנגע וואלט איהם אביס געטאן.

איהר ווילט דאס ניט? זאגט זילבערשטיין. איהר ווילט ניט געבען אנאמען אייער קינד? און ביי אייך איז רעכט זיא זאל שטארבען מיט דעם טרויעריגען געדאנקען, אז איר קינד וועט ליידען אויף דער וועלט, און וועט זיין אונגליקליך, א מערדער.

טייבעלע האט צו געמאכט דיא אויגען און האט גענומען חרא־פען מיט אשווערען אטהעם.

עס וועט באלד זיין אסוף טראכט ביי זיך יאקאב, וואס וועל איך זיך דא דינגען? — אבער וויא האט מען חתונה? פרעגט ער.

איהר מיינט זאגט זילבערשטיין, איהר מיינט עס זאל זיין אחופה מיט אחופה וועצערע מיט אבדחן? מען וועט אריין רופען אמנין אידען און איהר וועט איהר מקדש זיין; ווייטער גאר ניֿשט.

וויא הייסט עס מקדש זיין? זאגט איהם יאקאב, איהר ווייסט דאך אז איך בין אחתן... הערט לאז געדולד זיין; איך וועל זיך מישב זיין

וויא הייסט עס מישב זיין, זאגט זילבערשטיין, איהם שטיל, איהר זעהט ניט, אז זיא גייט באלד אויס...

איך וועל מעהר ניט אריבער געהן... איהר ווייסט דאך. אז איך דארף היינט זיין געלאדען אויף איין וויזיט אין איין ארט. עס פאסט ניט... מען ווארט אויף מיר... איך וועל דארטען זאגען, אז איך האב היינט אנייטיגען אינטערעס, זאל מען מיך בעפרייען פון דעם וויזיט.

הערט איצטער איז קיין קונצען ניטא, זאגט זילבערשטיין; אט אין דעם מאמענט וואס איהר גייט ארויס פון דאנען, גייא איך גלייך צו ראזענשטאקען, און ער וועט וויסען דיא גאנצע געשיכטע; און

אויב ער העט זיין אין ספק, איז דא צום בעוויז אייערע בריף וואס איהר פלעגט איהר שרייבען.

א גזלן! זאגט יאקאב שטיל קנירשענד מיט דיא ציין, ער נעהמט מיר דאס לעבען אוועק...

אונ אז איך וועל דאס טאן, זאגט ער הויך, וועט נאך דעם ראזענשטאק וויסען.

דאס שווער איך אייך אז ניט, זאגט זילבערשטיין. איהר קענט פערשטיין פון דעם פאקט, אז איך האב גענומען איין ארעם קינד צו זיך אונ לאז זיך אזוא פיל קאסטען, בין איך געוויס אמאן פון עהרע אונ פון ווארט. אלזא איהר פאר שטייט, אז דא איז ניטא וואס צו ריסקירען: ענטזאגט איהר זיך פערלירט איהר אלם; ענ-זאגט איהר זיך ניט, זא מאכען מיר באלד דיא קדושין, אונ קיינער וועט ניט וויסען אויסער מיר אליין. דיא אידען וואס מיר וועלען אריין רופען, קענען אייך ניט. אונ גלייך נאך דיא קדושין קענט איהר זיך געהן אויף אייערע וויזיטען, וואו איהר ווילט... אונ באלד זייט איהר איין אלמן, אונ איהר קענט זיך חתונה האבין. איהר זעהט דאך, אז זיא געהט באלד אוים. אונ ווייטער אפילו אז זיא זאל ציהען ביז מארגען, איז דאך אויך קיין בייז ניט. מארגען אבינד וועט איהר געוויס קענען מאכען אתנאים צו אחופה. איך וועל אייך געוויס ניט שטערן.

איך וועל פריער הערין וואס אדאקטער וועט זאגין, זאגט יאקאזב.

דאס קען מען אויך, זאגט זילבערשטיין צו גייענדיג צום טהיר אונ האט געהייסען, מען זאל גלייך רופען אדאקטער, אבער שיין וואס גיכער.

זיא האבין זיך דער ווייל געזעצט, יעדער פאר טראכט אין זיינע געדאנקען, — עס איז פאר פאלין זאגט יאקאב צוא זיך, איך בין אריין געפאלען, איך קען זיך אנדערש ניט קעהרען, סייא וויא סייא איז מיט מיר ניט גוט; נאר אז איך וועל טאן איהר וואונש, קען פון דעסט וועגין פארט מעגליך זיין איך זאל זיך ארויס דרייען אונ איך זאל בלייבען ראזענשטאקס איידים... א איין אונגליק איז אויף מיר גיוועען, וואס איך האב זיך פערפיהרט מיט דער טייבעלע... עס איז גאר קיין סוף ניטא, איך האב מיך אזו געפרייט, וואס איך

בין פון איהר לויז געוואָרען, מיט אמאל צאפט זיא מיר מיין בלוט נאך פאר דעם טויט אויך ... פון דעסט וועגין געדעכט איז זיא פארט, עס איז פארט אטענה, זיא וויל דאס קינד זאל האבען אפאמער ... גוואלד, איך שטייא וויא אויף גליהענדע קוילען; איך וואלט שוין גערן לויז ווערין פון דער פלאגע.

עס איז אריין דער דאקטער, ער באקוקט דיא קראנקע, נעמט פאר דעם פולס אונ גייט צוא ריק מיט דיא ווערטער: איך פאר־שטייא גאר ניט! וואס רופט איהר מיך צוא אטויטע, לאז איהר באהאנדלען יענער וואס האט אנגעפאנגען, איך קען ניט מחיה מתים זיין, אונ איז ארויס.

נו, זאגט יאקאב צו זילבערשטיין, אויב יע טאן איהר וואונש, מא מאכט תאמיש קיין שהיות ניט... זילבערשטיין איז גלייך ארויס געגאנגען, באלד איז אריין צו ריק אונ זאגט; איך האב געשיקט מען זאל צו זאמען רופען אמנין אידען ... נאר ווער ווייסט, צוא וועט זיא זיין ביין זינען, מיט דיא רייד גייט ער צו צו טייבעלען, רופט איהר זיא ענטפערט ניט; ער רופט העכער, זיא ענטפערט ניט, א ווייא איז מיר, זאגט ער, איך האב מורא, זיא זאל נעבאך ניט אויס גיין איידער איהר וואונש וועט גיין אין ערפילונג, א רבש״ע, ערבארמע זיך איבער דיא אונגליקליכע יתומה.

עס זיינען אריין עטליכע מענשען, זיא האט געעפינט דיא אויגן אונ פרעגט שטיל; וואס זיינען דאס פאר מענשען? שמשים.

ניין, זאגט זילבערשטיין, וואס איז געשטאנען נעבען איהר; דאס זיינען געקומען אידען, וואס דארפין זיין דער בייא, וויא אייער יאקאב וועט אייך מקדש זיין; ער איז מרוצה צו טאן אייער וואונש שטארקט זיך, טייבעלע.

געלויבט איז גאט! זאגט זיא, מיין אונגליקליכעס קינד וועט זיין געראטעוועט.

עס זיינען אריין געקומען נאך מענשען דער אונטער איינינע פרויען פון דיא שכנים, מען האט טייבעלען האלב אנידער געזעצט; מען האט געמאכט איין ארט חופה איבערין בעט, אז יאקאב האט זיך דארונטער אויך גיקענט שטעלען; מען האט אנגעצונדען אפאר ליכט, טייבעלע האט אוים גיזעהען שרעקליך בלאס, יאקאב איז צו געגאנגען האט איהר מקדש גיוועזן כדת משה וישראל, האט איהר

אנגעטאן דעם רינג... מען האט געוואלט פראווען די איבעריגע צערעמאניע, האט זיא ניט גיקענט מעדר פארטראגען, מען האט איהר ווידער אוועק געלייגט.

יאקאב, זאגט זיא זייער לייזע איהם געבענדיג די האנד, זאלסט זיין אטרייער פאטער צו דיין קינד; לאז... דאס קינד ניט... אונגליקליך זיין.

טייבעלע, זאגט יאקאב באוועגט; ער נאר דאך געריהרט פון איהר לאגע, טייבעלע, זייא רוהיג וועגן דיין קינד, שטארק זיך, דער אויבערסטער וועט רחמנות האבען דוא וועסט ווערין גיזונד, וועלין מיר לעבין צו זאמען גליקליך, מיט די ווערטער האט ער איהר אקוים געטאן אין שטערין.

אמן! האבין אלע גיענטפערט, נאך דעם זיינען אלע ארוים פון צימער אין סטאלאווע, דארטין האט מען גיגעבין לעקאך און בראנפין און זיינען אלע פאנאנדער גיגאנגען.

יעצט אויב איהר ווילט קענט איהר גיין, זאגט זילבערשטיין.

יאקאב איז צו גיגאנגען צו טייבעלען, האט איהר גינומען פאר'ן האנד און זאגט: זייא געזונד, טייבעלע, שטארק זיך און זייא רוהיג. איך געה איצטער אוועק וועגען אנייטיגען אינטערעס... איך וועל באלד ווידער קומען. זיא האט אמאך געטאן מיט דער האנד, אז ער קען גיין. ער איז ארוים גיגאנגען.

16.

די גוטע בשורה, וואס איז שרעקליך.

יאקאב האט גענומען איין איזוואסציק און האט געהייסען פאה־רען ראש וויא מעגליך איז. ער איז גילאפען וויא איינער ענטלויפט פון אטורמע. קומענדיג צו זיין קוואטיר, איז ער ארויף גילאפען האסטיג די טרעפ, איז אריין אין זיין צימער, וויא אצומישטער, איז ארויף גיפאלען אפען בעטעל, וויא ער וואלט גיהאט געטאן די שווערסטע ארבייט.

אאוף! זאגט ער, נו האב איך דאס גיהאט היינט אטאג. איך וועל איהם גוט גידיינקען מיר דאכט, אז איך האב שוין קיין בלוט

ניט

ניט, קיין מארך ניט, קיין געזונד, קיין לייב און לעבען, — אלס האט ער ביי מיר אויס געצאפט אט דער שווארציאהר... וויא רופט מען איהם... אט דער זילבערשטיין, דער פארך... איהם קריינקט אמוח פאר זייטיגע זאכען, וואס צו איהם איז גאר ניט שייך... געהמט צו זיך אפרעמדען מענשין, וואס ער קען ניט און ווייס ניט, און מאכט פון איהר אגאנצען וועזען... האט זיך איינ-געזויגען אין מיר וויא אפיוקע און האט אויס געפיהרט, וואס ער האט גיוועלט... עס וואלט גיוועזן ביי אנדערע אבסטאיאטעל-סטוועס, וואלט איך איהם צו פראסקעט דיא צורה, אז ער וואלט מיר אנבאטען אזעלכע מעשיות, נאר היינט האב איך דאס געמוזט טאן, אז ניט וואלט ער מיך אונגליקליך מאכען... אז מיין גליק האלט זיך יעצט אויף אהאר, מוז מען אלע שווארציאהרען נאך געבען... ננו! ווער וואלט זיך דאס ריכטען, אז פון דער שטיקעל יתומה וועל איך האבין אזו פיל צרות... ווער ווייסט צו וועט ער דער הירשקע זילבערשטיין ניט געהן סליכעגען ראזענשטאקען פון דער גאנצער געשיכטע, דאן בין איך בעגראבען אלעבענדיגער... א ער וואלט ערכט גיוועזן אין מיינע הענד, איך וואלט איהם צער-רייסען... איך וואלט מאכען פון איהם אש... נאר ניין, ער וועט דאס ניט טאן, ער איז פון דעסט וועגען איין ארענטליכער מאן, אט וויא ער איז אפארך, יע, דער וויילע איז מיר פון זינען ארויס, אז דא האט מען דער וויילע געוויס געשיקט נאך מיר פון מחותן צו פאהרען מיט דער כלה אויף אוויזיט.

מיט דיא ווערטער לויפט ער ארויס און פרעגט ביי דיא הויז מענשין, צו איז דא ניט גיוועזן אשליח צו איהם. דא איז קיינער ניט גיוועזן, ענטפערט מען איהם.

נו וועט זיין אשליח צו מיר געוויס צו מיטאג טראכט יאקאב; ער האט דאך גיזאגט: ענטוועדער צו פריהשטיק, אדער צו מיטאג. עס מוז דאך קומען ווער עס איז, אנדערס קען דאך ניט זיין. איך וועל מיר דער וויילע מיט דער כלה גאנץ גוט אמוזירען... זיא ווייס פון קיין זאך ניט און וועט ניט וויסען; דער וויילע וועט זיך יענע היינט אי"ה אבשטארבען, און מארגען איז מיינע תנאים, און דיא זאכע וועט אוועק גלאט וויא געשמירט, זייא קענען זיך אפילו נאך דעם דער וויסען דער פון גאר וועמען ארט עס הע הע הע!

נאך

נאך דער תתונה איז ביי מיר גאר נישט, אפילו נאך די תנאים איז אויך גאר נישט. איך וועל מאכען די תנאים פארמאלנע, אז דער מחותן זאל זיך ניט קענען אקעדהרטאן; אט וויא ער האט מיר פערקרעפעוועט מיט די דאקומענטען, וועל איך איהם פארקרע־פעווען מיט די תנאים... אונ נאך דעם הערר ראזענשטאק זייא זיך דיר ברוגז אויף מיר אדער ניט, מיר קימערט עס ניט, — די הויפטזאכע איז נאר: די תנאים זאל שוין זיין; נאך דעם איז גאר נישט מיט גאר נישט חי חי! יע, דער ווייל איז מיר פון זינגען ארויס, מען דארף דאך וואס נעהמען אין מויל. עס איז שוין האלב איינס אונ איך האב נאך נישט גיגעסען.

ער האט אנגעקלונגען אונ האט גיהייסען, מען זאל איהם אריין טראגען פריהשטיק...

דער מיטאג, וואו איך וועל זיין איינגעלאדען, טראכט ביי זיך יאקאב, קען ארויס קומען אין צוויא שטונדען ארום, עס איז טאקע צו פיל צו ווארטען, אונ ווייטער אז איך זאל זיין הונגעריג, וועל דארטען מוזען עסען מיט אשטארקען אפעטיט, אונ פאר אחתן פאסט עס ניט. — מען דארף וואס עס איז איבערבייסען.

מען האט אריין גיטראגען אפאנען קוכען, סערדינקעס, וואורסט, בולקעס, זעמעל, שנאפס, ער האט זיך גיזעצט עסען.

עס איז אריין גיגאנגען אפיגורע, אזו וויא דער לעזער האט גיזעהען אריין גייענדיג צו היימן גרינוואלד אין דעם צווייטען קאפיטעל פון דיזער ערצעהלונג. דיזע פערזאן האט זיך געווישט די הענד מיט איין שמוטציגען שנופטוך אונ זאגט: אשר יצר. יאקאב קוקט אויף איהם מיט פערוואונדערונג.

הי! גיט אגעשרייא דער נייער גאסט, וואס איך זעה, מען עסט ווייטער חי חי! מיין שוויגער מוז זיין אין גן עדן; וואו איך קום אלס מען עסט. בין גיוועזען ביי ווייסבערג'ן היינט, — מען עסט; בין גיוועזען ביי כתריאל ראזענשטאק — מען עסט, איך קום אהער— מען עסט...

איהר זייט גיוועזען ביי ראזענשטאק? פרעגט יאקאב.

וויא הייסט עס איך ניט זיין ביי ראזענשטאק. הה! איך בין דאך עפעס זיין שדכן... איך בין שמעיה תנחום ציפה אהרן יענטעס דער לאנד שדכן, אייך פארצושטעלען... מחשבותן, מען דארף

אקארשט זעהען אייערע משפּחה, צו זייט איהר אגוטער מבין. און מיט דיא רייד געהט ער צו צום טיש גיסט זיך איין אגלעזעל און טרינקט.

אייך האט דאס געשיקט ראזענשטאק צו מיר? פרעגט יאקאב.

עט!... גלאט... איך בין אשדכן, איהר זייט איונגער מאן... מהיכי תיתא, קומט מען אריין... טאמער דער רעדט מען זיך צו וואס...

זא האט איהר אטעות, ר' שמעיה, זאגט יאקאב. איך בין שוין אחתן, און איך דארף קיין שדוכים ניט.

דאס איז גאר ניט שייך איינס צום אנדערן, זאגט שמעיה תנחום זיך איינגיסענדיג נאך אגלעזעל און אויסטרינקענדיג... א גאנץ גוטע בראנפען, עס האט אגוטען טעם. אויף מיינע אידישקייט, איהר זייט אמבין; איין מעלה פאר אחתן האט איהר שוין... וואס איז דאס פאר הערינגליך? סאבלינקעס? הא? איך וואלט אפילו פערבייסען, נאר איך האב מורא צו איז דאס ניט טרפות... נאר אז איהר עסט, נישקאשע מעג איך אויך... קיינער איז דא ניטא. (ער נעהמט און עסט) א גאנץ גוט, דיא גוים ווייסען וואס גוטס איז... יע, מילא בבן, וואו האלט איך? שא, האט איהר ניט אשמעק טאבאק?

איך האב ניט קיין טאבאק און זאגט וואס איהר דארפט.

איך דארף גאר נישט זאגען... גלאט... וואס איז שייך? מען קומט אריין...

אויב איהר האט ניט וואס צו זאגען, טא גייט און לאזט מיר צו רוה, זאגט יאקאב...

שא שא! הערט מיר אקארשט אויס... דיא מעשה איז אזוי; איך האב געפיהרט אשידוך בייא כתריאל ראזענשטאק.

ביא ראזענשטאקען? פרעגט יאקאב. מיט וועמען?

יע, וואס וואונדערט איהר זיך? איך בין דאך אשדכן... יע, איך האב געשדכנט דיא עלטערע טאכטער דבורה'ן מיט מאיר וויסבערג... עס האט געזאלט זיין דיא חופּה פאר אחודש צוריק, איז עפּעס איבער אמעשה אבגעלייגט געווארען. זייא זאגען איך בין שולדיג. איך האב פאר איינעם גערעדט, וואס מען דארף ניט, אבּיסל האב איך ניט געוואוסט, אביסל בין איך געווען, וויא מען

זאגט

זאגט, אונטער געשנאצקעט, אט וויא איצטער למשל, — אט איז ארוים גיקומען גרויסע צרות עס האט גיהאלטען בייא אונגליקען, נאר איך בין ניצול גיווארען... דער וויילע האט זיך דיא זאך אויס געדרייט אונ עס איז ווידער גיווארען גוט; אונ היינט איז ב"ה איבער אניים חופה, פארשטייט איהר דאך, מוז איך דאך זיין אויף דער חופה וועצערע, זא בין איך גיקומען...

אבער וואס איז דאס שייך צוא מיר? דער ציילט אייער באבע מעשיות איין אנדערין.

הערט הערט, איהר וועט זעהען, אפשר וועט דאס אייך צו ניץ קומען אקשיע... מילא וואו האלט איך? יע, דער ווייליע אין דעם חודש האב איך ב"ה אויס געפיהרט אפאר שידוכים האב ארייין געריסען עטליכע קערבלאך, אבגיגעסין עטליכע ווארעמעלאך. אונ געקראגין עטליכע קלעפ.

אזו, קלעפ אויך! זאגט יאקאב.

וויא הייסט עס! זאגט שמעי, וויא קען מען אויס פיהרען אשידוך אן דראקעס, קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף, מיינט מען דאס נאר פאר דעם שדכן... דיא ביטערע פרנסה... מילא איך בין געקומען צו פאהרין, איך גייא אריין צו ראזענשטאקען, איך געפין דארטין מסתמא דעם דאקטער פריימאן, ווייסבערגין מיין חתן, איהם ראזענשטאקין אליין אונ ווייטער דארטין דיא מיידלאך, מען איז דאס אויף מיר ארוף געפאלען; שטייטס וואס איך האב אבגיטאן אזו איין אקט, אזעלכע צרות איבער מיינע פלוידערייא, זייא האבין גינומען שרייען אויף מיר יעדער באזונדער דיא מיידלאך באזונדער, ווייסבערג באזונדער, ראזענשטאק באזונדער, איך זעה עס איז שלעכט, עס האלט איך זאל אנווערין דיא חופה וועצערע, איהר פאר שטייט? איך קום צוא פאהרין לויט פון דער חופה וועצערע וועגין, אגב האב איך גירעכינט עפעס אשידוך אויס צוא פיהרען אויך, — מיט אמאל אויס חופה וועצערע, צום גליק האט זיך אבגערופין דער דאקטער; עס איז דא אמיטיל מיט וואס איך זאל אבקומען פאר מיין חטא, וואס איז? אט וויא איך האב פריער פאר פלאנטערט, זאל איך איצטער אבפלאנטערין, היינו, אט וויא איך האב קיילע געמאכט, אזו זאל איך דאס פאר בעסערין, איך בין מרוצה גיווארען, ווארום וואס טהוט מען ניט צו ליב דעם מאגען,

אקליינינקייט דער מאגין! וואסערע צרות ער מאכט אן אויף דער וועלט.

עס וועט שוין אייך זיין גינוג צו פלוידערין! גיט אגישרייא יאקאב וואס איז דאס פאר אהאזע חלעבין, אמענש שפרט זיך אן, און קומט מיר דורען אקאפף, גייט זיך אייך און לאזט מיר צורוה.

אט באלד וועל איך גיין טאקע, איך וועל קאנצען וואס איך האב אנגעהייבען, מען האט מיר געזאגט אפאר ווערטער, וואס איך זאל זאגין, ווייטער גאר גיסט, וועמען? מיר? פרעגט יאקאב, — גיט אייך, גאר איין אנדערין, זאגט שמעי', מען האט מיר אפילו מתרה גיוועזן, אז פאר דיא פאר ווערטער קען איך קריגען קלעפ, נאר דער פאר האט מען מיר צוא געזאגט צוא געבין אמטבע אזו און וועל נאך אריין רייסען עטליכע רוביל שדכנות.

ביא וועמען? פרעגט יאקאב.

שטייטס ביא וועמען? ביא ראזענשטאקען.

וועמען האט איר דארטען צוא ריידען אשידוך? פרעגט יאקאב באוועגט.

שטייטס וועמען! איהר ווייסט דען ניט, נאז ער האט אטאכטער איין איינגערע, זאגט שמעי' זיך איינגיסענדיג אגלעזיל, וועלכען עס איז שוין טרוקען גיווארין אין האלז ריידענדיג, לחיים! זאלין מיר זוכה זיין צו טרינקען ביא אייך אויף תנאים.

הערט אויף צו פלוידערין שמעי', וויא ער האט דרייא טעכטער? נין, צווייא, ביא איינע איז היינט חופה און ביא דיא אנדערע וועט זיין תנאים אי"ה דורך מיינע שדכנות, פאר שטייט איהר?

דיא איז דאך אכלה, זאגט יאקאב מיט אהייזעריגע שטימע. איהר חתן האט מען דער גאנגען, האט גאר אווייב, און דאס פאר שטייט איהר דאך, אז דער וואס האט אווייב, קען נאך איינע ניט נעהמען... ביא דיא טערקין זעהעט איז אנדערס...

וואס רעדט איהר! גיט אגישרייא יאקאב איהם חאפענדיג פאר דעם בגד און גוט שאקלענדיג; איהר זייט אפיאניצע זאלט איהר ניט קומען אהער ווערין משוגע, און מיר פלוידערין פראסטע רייד, איך קען איהר חתן, און איהר זאלט איהם ניט באליידיגין.

וויא אמת זאל איך אויך ניט זאגין?... זעהעט שלאגט זיך ניט אויף נאמנות.. וואס האט איהר צו מיר.

אמת רייד, נו, אונ קלארע ווערטער.

דער אמת איז, אז מען האט דער גאנגען, אז איהר חתן האט אצייב אדער אגעליבטע.

ער האט גיהאט, אבער זיא איז גישטארבין.

איך וויים מעהר ניט, וואס איך האב גיהערט; אייגענע לייג איך ניסט צו...

וואו האט איהר דאס גיהערט?

ביא ראזענשטאק, וואו דען זאל איך הערין?... הערט שיקט אריבער נאך אביסיל בראנפין, דיא איז שוין גאר ליידיג... איך האב מורא איך זאל זיך ניט אויס ניכטערין, אונ מיר האט מען אנגיזאגט איך זאל מיינע שליחות אויס פיהרען דווקא ניט ניכטער; דען פאר מיין אוועק גיין האט מען מיר גיגעבין צוויא גלעזער שפירט, כדי עם זאל זיך גוט ריידין.

יאקאב האט זיך אנגעהאפט פארין קאפף, האט גענומען לויפין איבערין צימער וויא וואנזיניג אונ האט גענומען שרייען; אי אי! וואס הער איך! דער יונג שטעכט מיר וויא מיט שפיזען מיט זיינע רייד, ניט שוין זאל מען איהם האבען געשיקט צוא מיר פון ראזענשטאק! ניט שוין זאל זיין אמת, וואס ער פלוידערט... ער רעדט אפילו וויא אשכור, אבער דא איז דא איין פארקלאדקע פון אמיין צו שטעכין מיר, שלעכט שלעכט! איך בין אונגליקליכער... דוא זאגסט ליגען פאניצע! שרייט ער צו שמעי', איהם נעהמענדיג פארין קראגען, — ארויס פון דאנען!

איך זאג ליגען! זאגט שמעי' קארצענדיג (שרומפפענד) אונטער זייגע הענד, ווא וואס רעדט איהר?... זעהעט שלאגט זיך ניט אויף נאמנות... אט איך שווער אייך ביא בארד אונ פאות... פט פו, וואס רייד איך? קיין בארד האב איך ניט, דאס האבין מיר דיא שדוכים אויס געריסען... איך שווער אייך ביא מיינע פאות, אז עס איז אמת.

ארויס! שרייט יאקאב איהם שטויסענדיג דורך דיא טהיר, באלד קעהרט ער זיך צוא ריק אונ זאגט גאר וויא ער וואלט ערסט געקומען וויא גיפעלט אייך אמאדנע זאך...

איך דארף ניט אייערע מאדנע זאכען שרייט יאקאב, גוואלד לאז מיך לעבין...

הערט זאָגט ווייטער שמעי׳ תנחום, איך גייא פֿריער פֿאַר בייא הירש זילבערשטיין אויף יענער זייט... איך האָב דאַרטען גידאַרפֿט אין יענע גאַס וועגין אַשידוך...

פֿאַר בייא זילבערשטיין זייט איהר געגאַנגען? פֿרעגט יאקאב גייענדיג, נו וואָס האָט איהר דאָרטין גיזעהען חברה קדישא?

גיין ענטפֿערט שמעי׳.

אַליָה? וואָס?

אויך ניט, ענטפֿערט שמעיה, זעהט שיקט אַריין נאָך אַבּסיל משקה, אויף נאמנות מיר איז שוין טרוקען געוואָרען אין האַלז ריידענדיג.

וואָס? דאַרטען האַלט ווער ביין שטאַרבען! שרייט יאקאב.

וואָס זייט איהר אַזוֹ צוא קאָכט, יונגער מאַן, בערוהיגט אייך, גישקאַשע.

שטייט, דאַרטען וואוינט מיינע אַקרובה, וואָס איז געפֿעהרליך, איך מוז שוין לויפֿען...

אַזוֹ, עס איז אייערע אַקרובה, קען איך אייך אָנזאָגען אַבשורה טובה...

אַבשורה טובה, זאָגט יאקאב אין דער שטיל זיך קראַצענדיג אין קאָרק.

זאָגט מיר, יונגער מאַן, איהר גלויבט אין מופתים, איצטיגע יאָהרען? פֿרעגט שמעיה.

איך וועל פֿון דעם משוגענעם ניט אויס האַלטען! שרייט יאקאב. ער רעדט שוין גאָר צור זאַכען, מיט אַמאָל געהמט ער פֿלוידערן גאָר בוידים.

איהר הערט אָבער וואָס איך פֿרעג אייך. איהר גלויבט אין מופתים איצטיגע יאָהרען?

וואָס דורעט איהר מיר אַקאָפּ מיט מופתים? דער ציילט מיר שוין וואָס האָט איהר גיזעהען בייא זילבערשטיין? איך מוז דאָס גייטיג וויסען.

פֿאַרשטייט איהר מיך, איך האָב גיהערט אַוואונדערליכע זאַך... וויא אַמענש וואָס האָט גיהאַלטען ביין שטאַרבען... איז מיט אַמאָל גיוואָרען בעסער! גיט אַגעשרייא יאקאב און איז גיוואָרען בלאַס.

ניט בעסער, וואס רעדט איהר? זאגט שמעיה קאלט בליטיג.

אזוי, ערגער, זאגט יאקאב עטוואס רוהיגער.

איך מיין, זאגט שמעיה, ניט בעסער, נאר גאנץ געזונד, וויא אלע מענשין.

גאנץ געזונד, שרייט יאקאב בלאס ווערענדיג וויא קאלך. דאס מוזט איהר מיינען איין אנדערע, ניט די קראנקע, וואס בייא דעם פארך דעם זילבערשטיין.

דאס איז טאקע די זעלביגע, זאגט שמעיה, און ווייסט איהר פון וואס זיא איז געזונד גיווארען? ניט פון מעדיצין און ניט פון דאקטורים... גאר פון צווייא ווערטער, ווייטער גאר ניכשט. וויא גיפעלט אייך מופתים. איצטיגע יאהרען? הא?

דער יונג איז משוגע! שרייט יאקאב, ארויס פיאניצע! גענוג איך שוין מיר צו מוצען.

איהר ווייסט וואס פאר צווייא ווערטער דאס איז, זאגט שמעיה: הרי את מקודשת... און מיט די צווייא ווערטער ווערט מען געזונד.

ארויס! שרייט יאקאב איהם ארויס שטופענדיג און דער לאנגענדיג איהם איינינע קלעפ.

זייא האבין טאקע אמת געזאגט, אז איך וועל לייזען קלעפ, זאגט שמעיה און איז ארויס.

ננו! האב איך היינט אטאג, זאגט יאקאב, אז שמעיה איז גיוועז ארויס גיגאנגען. ווייניג האב איך גיהאט בייא דעם זילבערשטיין, איז נאך געקומען דער משוגענער און האט מיך פערמאטערט. זאל זיין אמת זיינע רייד? ראזענשטאק וויל טאן איין אנדער שידוך? טייבע זאל געזונד ווערען? עס לאזט זיך גאר ניט גלויבען. ער רעדט מיט מיר אזוי פריינדליך... זיא שיינט אזוי געפעהרליך צו זיין, ניט שוין זאל דאס אלס זיין אפאקום... אלס אשווינדעל, וויא מיך צו פיהרען אין געטין... אוי איך האלט ניט אויס!... עס שפאלט דער מוח!... אי אי אי! וואסערע מערדערייא! וואסערע רציחות!... נאר ניין, עס איז ליגען, עס איז גאר ניכשט, איך האב זיך גאר ניט וואס צו בעאונרוהיגען... מאלע וואס אפיאניצע פלוידערט... עס האט איהם געווים ווער עס איז פון מיינע שונאים אונטער געשיקט מיר אביסעל צו נעמען דאס לעבען; נאר איך וועל איהם דער גיין און וועל זיך מיט איהם אברעכנען...

באלד בעקום איך אצעטעלע מיט איין איינלאדונג אויף אמיטטאג מיט מיין כלה, אונ אלע מיינע בעפירכטונג וועט ווערען צו נישט.

מיט דיא ווערטער איז ער אראב געלאפען אונטען, איז געשטאנען אפען גאס, האט זיך ארום געקוקט צו געהט ניט ווער צו איהם; איז ווידער ארויף גיגאנגען. דער ווייל איז שוין גיוואָרען דרייא אוהר, אונ דיא ערווארטעטע איינלאדונג איז נאך ניטא. ער איז איינינע מאל ארויף אונ אראב גיגאנגען, ביז ענדליך איז געקומען צו איהם אאינגעל אונ האט איהם דערלאנגט אצעטעלע אונ איז אוועק גיגאנגען. אויף דעם צעטעלע איז גיוועזן געדרוקט ראזענשטאקס פירמע. יאקאב האט מיט קראמפפהאפטער האנד צעררריסען דעם קאנווערט. אונ לעזט אזו: ליבער, פריינד יאקאב קארשון! זיא ווערדען מיך גיטיגסט פערצייהען, אונזערע פארטיע קאנן ליידער ניט צו שטאנדע קאמען, דא מיינע טאכטער איינען אנדערן ליבט, אונ איך קאנן זיא ניכט צווינגען... דא האט יאקאב שוין מעהר ניט גיקענט לעזען, עס איז איהם פינסטער געווארען אין דיא אויגען, דאס צעטעלע איז ארויס געפאלען פון האנד, — אלזא איז אמת, וואס דער פלוט האט דא גירעדט, זאגט ער; ער איז גיוועזן אפארערדע צו דעם פאטאלען צעטעלע!... ער איז געפאלען אין קרעסלא אונ האט זיך פאנאנדער געוויינט וויא אקליין קינד.

17.

דיא מעדיצין געגען איפערזוכט.

אין דער צייט וואס יאקאב איז גיוועזן בייא טייבעלען אונ האט געפראוועט מיט איהר דיא קדושין, איז גיוועזן יעמאלט פריימאן בייא ראזענשטאקען אונ זייא האבין געווארט דעם אויסגאנג פון דעם שווינדעל. נאך דעם וויא יאקאב איז פון איהם אוועק געפאהרען, האט זיך גלייך הירש זילבערשטיין, וואס וואר ראזענשטאקס אפלימעניק פון אשוועסטער, גיזעצט אויף איין איזוואסציק, איז געקומען צו ראזענשטאק אונ האט מיט פריידען ערצעהלט וויא דיא מאכערייא האט אויס געגאלטען. ער האט נאך דערצו זעהר לעב

האפט געשילדערט דיא סצענע, אז זייא האבען זיך געקייכט פון געלעכטער.

אדאנק אייך, הערר פריימאן, זאגט ראזענשטאק וואס איהר האט אונז אוים געטראכט אזו איין איינפאל. איהר געדיינקט, וויא איך האב געוואלט גימפל דעם שדכן ארויס טרייבען, נאר איהר האט מיך אבגערופען אן אזייט אונ ערקלערט, אז דא קען מען מאכען אשווינדעל וויא דיא ארמע יתומה צו רעטען.

איהר זאלט וויסען, זאגט פריימאן, אז אויף דער אידעע איז געפאלען גאר איין אנדערער, מיר האט איהר מעהר ניט צו פער־דאנקען דיא אבסטאנאווקע פון אקראנקען וואס איך האב גימאכט אונ דער דאקטער, וואס איך האב צו געפיהרט צו דער סצענע; וייטער דער גאנצער פלאן, האט אויפגעטאן גאר איין אנדערער.

קען איך ניט וויסען, ווער דאס איז? פרעגט ראזענשטאק. איך וויל איהם זעהר דאנקען, ער האט גירעטעט איין אונגליקליכעס קינד אונ דער צו איז דאס אשכל אויך; איך בעט אייך ברייגגט איהם אהער, אונ איך וויל ער זאל זיין אגאסט היינט אויף מיין טאכטערס חתונה.

איך וועל דאס אייך טאן, זאגט פריימאן... וואו איז דאס מינדעל, וואס מען זעהט איהר ניט.

אי, זאגט ראזענשטאק, מינדעל נעהמט מיר גאר מיין לעבען אוועק. זינד היימן איז אוועק, איז זיא אקראנקע, זיא עסט ניט, זיא טרינקט ניט, איז שטענדיג פערשפארט אין איהר צימער, אונ דיא אויגען אימער פול מיט טרערן. עס העלפט איהר קיין רייד, אונ קיינער ערמונטערונג.

איך פערשטייא ניט, זאגט פריימאן, אז מען זעהט ניט דעם געליבטען אדרייא פיר וואכען, דארף מען זיך אזו נעהמען דאס לעבין?

דאס האב איך איהר אויך געזאגט, זאגט ראזענשטאק. ענט־פערט זיא אבער: דא קוועלט איהר ניט דיא טרענונג פון איהם, נאר דיא בעפירכטונג, פיליכט האט ער איהר פערהאסט אויף אייביג, צום בעווייז אז אונטער דער גאנצע צייט האט ער פון זיך נישט געלאזט הערען, קיין צווייא ווערטער ניט געשריבען, אונ פון דער היים ענטפערן זייא אויך אז זייא ווייסען ניט וואס מיט איהם איז... אונ נאך מעהר נעהמט זיא זיך דאס לעבען, וואס זיא

רעכינט, זיא איז שולדיג דערינען, דען זיא האט איהם עפּעס מרגז געוועזן דורך איפּערזוכט...

א דיא אייפּערזוכט, זאגט פריימאן, דיזע האט ניט איין צרה געמאכט אויף דער וועלט...

דער ווײַלע, זאגט ראזענשטאק, געהמט זיא מיר דאס לעבען. היינט איז חופּה בײַא מײַן דבורה'ן אונ עס האט זיך אזוי גוט אויסגעלאזען, אז יענער שרעקליכער קלאפּ וואס איז געוועזן אונטער דער חופּה, איז גלייך צו נישט געווארען; ווידער איז היינט געוועזן דיא חופּה בײַא דער טאכטער פון מיינעם אגוטען פריינד, וואדורך זיא איז גירעטעט אי פון שאנדע אי פון עלענד, בין איך דער פון העכסט פריילייך... אונ זיא דיא מינדעל איז פערוויינט אונ פערקלאגט, איז פערשפּארט אין איהר צימער, וויל זאגאר ניט גיין צו דער כלה איהר שוועסטער איהר משמח זיין, וויל זיך ניט אנקליידען, וויל ניט טאנצען, זיא וויל גאר נישט.

נו דער צו וועל איך שוין זעהען צו העלפען, זאגט פריימאן מיט אשמייכעל; איך בין דאך אדאקטער.

עס איז אומזיסטע טרייסט, זאגט ראזענשטאק; איהר זייט אדאקטער אין רפואת הגוף, אבער ניט צו חולת הנפש.

אונ איהר וועט זעהען, אז איך קען היילען פיזישע קראנקהייט אויך...

אין דיא רייד איז ארויף געקומען שמעיה תנחום מיט אברייטען מזל טוב צו דער היינטיגע חופּה. נאר דעם לעזער איז שוין בעקאנט, וואס פאר איין אויפנאהמע ער האט גיהאט, וויא ער האט דער ציילט יאקאבען. מען האט גיזעהען אין איהם דעם אורהעבער פון אלע אונגליקען, וואס דא האט פאסירט. נאר וויא מיר ווייסען, איז פריימאן געפאלען אויף דעם פּלאן, מען זאל איהם שיקען אלס פארבאטע צו יאקאבען, איהם ביסלעך וויי ארויס שלאגען זיינע הימארען פון קאפּ, אונ נאכהער וועט ער דער וויסען דיא זאך אויף קלאר.

איך קען, זאגט פריימאן, איך קען דעם שמעיה'ן אונ האב געהערט פון איהם אויך: ער איז אהאלבער אמשוגענער אונ דיא אנדערע האלבע איז ער אפּיאניצע, אונ אז ער דארף דערציילען עטוואס אונאנגענעהמליכעס קען ער דיא געזונד ארויס נעהמען, אזא שטעכענדען טאן האט ער אין זיך... ער וועט נעהמען יאקאבען

ערצעהלען גאר זייטיג, וועט ער איהם ציעהען אדערן נייז, אונ עס קומט איהם, לאז ער אביסל האבען נחת פאר זיינע טהאטען. אלזא איז געבליבען אז וויא שמעיה האט פריער פערפלונטערט, אזו זאל ער יעצט אב פלונטערן אונ דער פאר זאל ער האבין איד אין דעם שידוך וואס ראזענשטאק וועט טאן מיט מינדלען. מען האט איהם אנגעזאגט, ער זאל גיין צו יאקאבען אונ זאל ריידען זייטיג, נאר אין דיא רייד זאל ער אריין פלעכטען, צוויא ווערטער: ערסטען ווי ראזענשטאק האלט צו טאן איין שידוך מיט זיין אינגערע טאכטער, ווייל איהר חתן האט גאר אוייב; אונ צווייטען, אז ער האט גיהערט, וויא אגעפעהרליכע פרויענצימער ביא הירש זילבערשטיין איז גיווארען פאלקאמען געזונד פון צוויא ווערטער, וואס רופען זיך אן הרי את...

שמעיה תנחום האט אנגענומען דיא מיסיאן מיט פריידען, האטש מען האט איהם גיזאגט, אז ער קען קריגען קלעפ אויך. נאר דיא הבטחה אז ער וועט האבין אחלק אין מינדעלס אשידוך, אונ דער צו וועט ער זיין אשטארקער מחותן היינט אויף וויסבערגס חתונה, האט איהם גיגעבין מוטה. — ער האט גענומען צוויא בירגלעזער שפירט, אונ איז אוועק גיגאנגען צו יאקאבען.

יעצט, ליבער הערר פריימאן, זאגט ראזענשטאק, אז שמעיה תנחום איז גיווען אוועק גיגאנגען יעצט בעט איך אייך, איהר זאלט אזו גוט זיין זעהען צו בריינגען אט דעם קלוגען מאן, וואס האט אויפגעטאן אט דעם פלאן פון טייבעלעס ערעטונג, איך וויל ער זאל זיין מיין גאסט צום היטיגען אבענד אונ צום מיטטאג, איך בעט אייך ניט אנדערס.

איהר דארפט מיך גאר ניט בעטען, הערר ראזענשטאק; איך וועל איהם געוויס בריינגען, אונ איך וועל שוין אויך פאר איין גאנג בריינגען אמיטעל מינדעל זאל פרייליכער ווערען. מיט דיא רייד איז ער ארויס גיגאנגען.

אין אווייל ארום איז אריין גיגאנגען טייבעלע, וועלכע איז ערסט גיקומען צו פאהרען פון הירש זילבערשטיין. זיא וואר יעצט זעהר שיין אונ מונטער. אז יאקאב וואלט איהר יעצט גיזעהן, וואלט ער זיך געוויס געוואונדערט אויף דעם מופת, וויא שמעיה האט גיזאגט, אז פון צוויא ווערטער זאל מען ווערען מיט אמאל געזונד אונ פריש; אונ עס קען אויך זיין אז ער וואלט קיין חרטה ניט האבין וואס ער

האט

האט איהר מקדש גיוועזן, דען זיא איז גיוועזן אגאנץ שיינע, אונ אטרייע פרויא וואלט זיא דאך געווים זיין. זיא איז מעהר ניט גיוועזן שופטיל אונ זעהר פארזארגט איבער איהר טרויעריגע לאגע, זאנסט וואלט זיא ניט אויס זעהען שלעכט.

וויא זיא איז אריין גייט איהר ראזענשטאק ענטגעגען מיט פע־טערליכער פריינדשאפט, זיא נעהמט זיין האנד, גיט איהם אקוס אין האנד אונ זאגט: איך דאנק אייך זעהר הערר ראזענשטאק מיין צווייטער פאטער, וואס איהר האט זיך אנגענומען פאר מיר וויא פאר איין אייגענקינד אונ מיט פעטערליכער זארגע האט איהר זיך בעמיהט מיך פון מיין טרויעריגע לאגע צו ציעהען.

דוא דארפסט מיר גאר ניט דאנקען, טאכטער, זאגט ראזענ־שטאק, איך האב געטאן מיין פפליכט פאר מיין גוטען פריינד... נו וואס טייבעלע? יעצט ביזטו שוין צו פרידען?

צו פרידין בין איך, זאגט זיא; אבער לייդער קען דאס צום גליק ניט פיהרען, יאקאב האט דאך מיר זא וויא זא פארהאסט; צוא דעריבער אז ער האט מיך מקדש גיוועזן, אז איך רוף זיך אן יעטצט זיינע פרויא, וועט ער מיך ליבען? דיא גיזעטצליכע צערעמאניע קען קיין ליבע אין הארצין ניט אריין זעטצין.

נאטירליך, מיין טאכטער, זאגט ער; מיט איינעם מאל קען מען קיין קראנקהייט ניט אויס היילען; דער ווילע איז גענוג, איין שריט איז געמאכט; דוא רופסט זיך אן זיין פרויא, קיין אנדערע קען ער ניט געהמען; דיין פלעק וואס ער האט דיר געמאכט, האט ער שוין אב גיוואשין אונ ווייטער ניט פארגעס, אז מאטריעל איז ער גאנץ אין דייגער מאכט; זיין גאנץ פאר מעגין איז אויף דיין נאמען, ער קען זיך אן דיר ניט אריהר טאן, פארשטייסטו? ער מוז אן קומען צו דיר, פריער וועט ער דיך מוזען אכטען, זאגאר ניט ווילענדיג, אונ דיא ליבע וועט נאכהער קאמען, זיא וועט זיך אב פרישען, דוא וועסט זעהען מיין טאכטער.

איך דאנק אייך זייער, הערר ראזענשטאק, פאר אייער טרייסטען איהר האט מיר מיט בונטע פארבען געשילדערט מיינע צוקונפט; אונ עס קען זיין, אז עס וועט וויקליך אזו זיין, יאקאב וייס שוין פון דעם שווינדעל?

ער מוז שוין וויסען, איך האב ערסט אוועק געשיקט צוא איהם אמענשען איהם אביסיל ערקלערין וועגין דעם.

ער מוז דערטען בושעווען, לארעמען, זאגט טייבעלע; ער מוז קעהרען וועלטען.

עס שאדעט ניכטס, זאגט ער; נאך ארונער איז אלע מאל שיינעס וועטער... יעצט מיין טאכטער גייא קלייד זיך אן דיינע נייע קליידער, וואס דער שניידער האט דיר נעכטין געבראכט אונ גייא מאך פריילך די כלה דבורהעלען, היינט איז דאך ביי איהר חתונה, איך וועל די חתונה באטראכטין וויא אדאפעלע: דיינע אונ דבורהס; אונ דוא זאלסט זיך אויף דער חתונה רעכנען פאר די צווייטע כלה... יע נאר פריער קום ארייין צו מינדלען אין איהר צימער, לאמיר איהר ביידע זעהען צו באוועגין זיא זאל גיין אויף חתונה אונ זאל מיר מיין שמחה ניט פאר שטערין איך קען פון איהר ניט אויס האלטין, זינד הימן איז אוועק גייט זיא אויס פון איהרע קרעפטין.

וואס מיינען זיא הערר ראזענשטאק, זאגט טייבעלע; מיט הימן איז ניט גאר גלאט, וואס מיר האבין פון איהם קיינע נאכריכט איך מוז אייך זאגין, אז איך בין העכסט אונרוהיג דאריבער, איך גייא אויס פון הארץ ווייטאג, דען וויא איך בעטראכט אייך פאר איין פאטער, אזו באטראכט איך איהם פאר אברודער, וואס דער מענש האט פאר מיר גיטאן, קען קיין טרייעסטער ברודער ניט טאן, גאט וויים! וואס מיט איהם טהוט זיך... צוא האט זיך מיט איהם ניט געטראפען איין אונגליק.

קום אקארסט ארייין צו איהר, זאגט ער; נאר דוא זאלסט איהר ניט העלפין קלאגען, זאלסט איהר טרייסטען, מיט די רייד זיינען זייא ארייין געגאנגען אין מינדעלעס צימער.

מינדעל איז געשטאנען ביין פענסטער, האט געקוקט דרויסען, די אויגין וואריין פייכט פון טרערין.

אט איז טייבע געקומען פון איהר חופה, זאגט ראזענשטאק, מינדעל, זאג איהר מז"ט, מינדעל קעהרט זיך אב צו איהר, רייכט איהר די האנד אונ זאגט: איך ווינש אייך עוויגעס גליק, איהר זאלט שוין מעהר אויף אייער לעבין ניסט ליידען; איהר האט זיך שוין גענוג אנגעליטען, איך ווינש אייך איהר זאלט זיך לעבין גליקליך מיט אייער יאקאבען, וויא אין דער ערסטע צייט, מיר האפען, אז ער וועט זיך בעסערין אונ ער וועט אייך זיין אטרייער לעבענס געפעהרטע.

איך

איך דאנקע אייך זייער פאר אייערע טרייהייט אונ פאר אייערע פריינדשאפט, וואס איהר האט מיר ערוויזען אין דער צייט פון מיין עלענד; איהר האט מיך באהאנדילט גאר שוועסטערליך.

וויא זאל איך אייך ניט זיין אשוועסטער, זאגט מינדעל, אז מיין פאטער האלט אייך פאר אטאכטער, אונ מיין הימן האלט אייך פאר אשוועסטער. וויא איהר האט מיך ערציילט... א אין דיזע ברידערליכע פריינדשאפט, וואס ער האט אייך בעוויזען אין אייער עלענד, האט עררעגט אין מיר אייפערזוכט, וועלכע האט איהם פאר טריבין פון דאנען אונ מיך אזו אונגליקליך געמאכט.

געהם זיך ניט אזו דאס לעבין, זאגט ראזענשטאק; ער וועט נאך קומען נישקאשע.

ער מוז קומען, זאגט טייבעלע, וויא איך האב זיין האראקטער קענען גילערינט, קען ניט זיין אין דער וועלט ער זאל ניט קומען, אדער ער זאל ניסט שרייבין פון זיך, ער וויים גאנץ גוט, אז מען ליידעט דא זייער פיל איבער זיין פערשווינדען, אונ ער קען ניסט זעהען, וויא דער צווייטע ליידעט, דעסטא מעהר זיין ליבע מינדעל.

אט ווייلע ער האט אזא ערעלען האראקטער אונ ער לאזט דאך מיך אזו פיל ליידען, אט דאס מאכט מיך העכסט אונרוהיג... נאר איך בין אליין שולדיג א א א! איך האב איהם פערטריבען, צו גראב האב איך איהם בעהאנדילט... א גאט! וויא לאנג נאך וועל איך ליידען? דוא האסט זיך אויף מיינע צווייא שוועסטערין ערבארעמט, דבורה האט זיך חופה מיט איהר ליבין וויסבערגען; טייבעלע איז בעפרייט פון איהר עלענד, נאר איך אליין בין אונגליקליך, פאר מיר איז נימא קיין טרייסט, א גאט!

מיין טאכטער, זאגט ראזענשטאק, איך בעט דיך, בארוהיג דיך... גייא קלייד זיך אן אונ גייא צו דבורהן; אן עם האבין זיך אנגעפאנגען צוא קלייבין דיא פריילינס צום טאנצען.

פאטער, זאגט זיא, איך בעט דיך, לאז מיך צוא רוהע, מיר איז ניט דער צו.

שטייטס בייא דיין אייגענע שוועסטער איז חתונה, אונ דוא ווילסט ניט זיין דער בייא; דוא פאר שטערסט מיר מיין שמחה... גייא מינדעלע, טהוא מיין פערלאנגען.

וויא קען איך זיך פוצען, ווען אין הארצען איז דא אזוארים, וואס נאגט מיך אונערבארעמליך! וויא קען איך גיין טאנצען, אז

מײַנע אױגען איז פֿול מיט טרערען .

איך פֿאר שטײא גאר ניט , זאגט ער. ווען הימן קומט ניט , וויל ער דיך ניט , הײנט אז ער וויל דיך ניט , איז ער ניט ווערט מען זאל זיך פֿון זײנט וועגען אזו פֿיל דאס לעבען נעמען לאז איהם גאט העלפֿען , און דיר וועט דער אויבערסטער צוא שיקען דײן באשערטען ... אײן...

מאמע , דוא װאלסט זאגען ! זאגט מינדעל מיט אײנגעהאלטענעם ערגער ... אהארקעטער קען מען דאס קויפען אין דיא קראמען ? אײדעלקײט באגעגענט מען אויף יעדער שריט ? ... נײן , מאמע , דוא האסט אטעות נאך אהימן איז ניטא אויף דער וועלט .

עס האט זיך גיעפֿינט דיא מהיר לײזע , עס האבין זיך באוויזען צוויא מענשען , וועלכע זײא האבין ניט באמערקט , מינדעל זאגט װײטער : דער אײן הימן קען נור מײן גליק אוים מאכין , און אויסער איהם איז פֿאר מיר קײן לעבין ניטא , קײן גליק ניטא... אויב ער האט מיך פֿערהאסט זא בין איך העכסט אומגליקליך.. נאר דאס וויל איך ניט גלויבין , הימן וועט מיך ניט פֿערהאסען דא האט זיך גימוזט טרעפֿען מיט איהם אײן אומגליק ח"ו... א וויא איז מיר ! וויא איז מיר ! אנדערש קען ניט זײן , אט דאס איז מײן גאנצער קלאג .

עס עפֿינט זיך האסטיג דיא מהיר , עס הערט זיך אגעשרײא : דײן הימן האט דיך ניט פֿערהאסט ! אלע האבין זיך אב גיקעהרט הא ! וואס זעה איך ! גיט אגישרײא מינדעל ; הימן ! מײן ליבער הימן ! ... זײא זײנען בײדע גיפאלין אויף אײנאנדער און האבין גיװײנט פֿאר פֿרײדע , עס וואר אײנע פויזע , אלע , ראזענשטאק , טײבעלע און פֿריימאן , וועלכער וואר גיקומען מיט הימן , זײנען גישטאנען העכסט באוועגט פֿון דער ריהרענדע סצענע , נאך אײניגען מינוטען האט ער זיך צו קוסט מיט ראזענשטאקען , נאכהער מיט טײבעלען און זאגט ; מינדעל , יעצט האף איך וויסטו אז זיא רעכינט זיך מײנע שוועסטער און וועסט גיווים שוין ניט מעהר אײפֿערזיכטיג זײן .

איך בין שוין גוט איבער צײגט אין דײנער אונשולדיגקײט , זאגט מינדעל ; איך האב מיר גענוג דאס לעבען גינומען , וואס איך האב דיך אזו בעהאנדעלט. נו , איך בין געווים ווערט וואס איך האב אזו פֿיל געליטען פֿון דײנער אברײזע ; אבער וויא קומט עס אין דײן כאראקטער מיך אזו פֿיל צו לאזען לײדען , צו קוועלען זיך איבער דיר ? אײ הימן , הימן ! דוא וואלסט וויסען , וואס איך בין אויסגישטאנען !

דוא האסט פארגעסען, מינדעל דיינע לעצטע ווערטער: דוא האסט געזאגט, איך זאל דיר בעווייזען מיינע אונשולדיקייט, אנדערש האסטו מיר ניט געוועלט גלויבען. אט האב איך בעוויזען.. אונ ביז איך האב דעם בעוויז ניט אויפגעטאן, האב איך געשוואריען, זאל מען פון מיר נישט וויסען; עס האבין אפילו אנדערע אויך דאבייא געליטען: דיין פאטער אונ טייבעלע וועלכע האט זיך געוויס אויך געקוועלט, וואס איהר ברודער איז פלוצלונג נישט געווארען; נאר עס האט אנדערש ניט געקענט זיין.

וויא טייבעלע איז יעמאלט געקומען מיט דעם פאטער, זאגט מינדעל, אונ זייא האבען מיר דער ציילט, וואס דא האט פאסירט, האב איך זיך שוין איבערצייגט אין דיינע אונשולדיגקייט. טא וועלכען בעוויז האסטו דאס אויף געטאן אונטער דער צייט?

איך האב בעוויזען דאדורך, אז טייבעלע איז ניט מיין געליבטע, וואס איך האב אויפגעטאן דיא מאכינאציאן, אז יאקאב זאל איהר מקדש זיין אונ זיא זאל זיין זיין ווייב.

איז דאס דיין פלאן? פרעגט מינדעל.

דוא האסט דאס אויפגעטאן? פרעגט ראזענשטאק.

איך האב דאך אייך געזאגט, זאגט דאקטער פריימאן, אז דאס איז ניט מיין איינפאל, אונ איהר האט מיך געבעטען איך זאל אייך איהם בריינגען, אט האב איך איהם אייך געבראכט, אונ איך רעכען ער וועט זיין בייא אייך אגוטער גאסט אויף חתונה.

איך וועל אייך זאגען, זאגט ראזענשטאק, ער וועט בייא מיר זיין נאך בעסער וויא אגאסט... איך רעכען עס זאל היינט זיין נאך אחופה פון מינדלען מיט הימן אונ לאז זיין היינט דרייא חתונות אויף אמאל. אז דער אויבערסטער האט אזו געפידערט, לאז אזו זיין.

לאז נאך געדולט זיין, זאגט מינדעל; איך בין נאך ניט פארבערייטעט, פאטער.

עס מוז געדולד זיין, מחותן, זאגט הימן.

עס וועט זיין, וויא איך זאג, זאגט ראזענשטאק: אין אייער געפעלען זיין זיך האב איך קיין דעה ניט געוועלט זאגען; אבער אין אייער חתונה ווען זיא זאל זיין, זאג איך אדעה אונ מיין דעה וועט געלטען. נו קינדער גרייט זיך אן.

לאז זיין מיט גליק! זאגט פריימאן, הערר ראזענשטאק איז גערעכט. עס זאל זיין היינט אדרייפאכע חתונה... איהר זעהט, הערר

ראזענשטאק, וויא מינדעל שיינט וויא זיא איז שוין געזונד. איהר געדיינקט, איך האב גיזאגט: איך וועל איהר ברייגגען אמעדיצין, זעהט איהר וויא מיינע מעדיצין האט געווירקט.

איהר זייט אגוטער דאקטער, זאגט ראזענשטאק. אבער וואו האט איהר איהם גענומען?

ער איז גיוועזן ביי מיר, זאגט פריימאן. ער איז געקומען אהער צו פאהרען מיט גימפל דעם שדכן אונ מיט יאקאבען אויף אמאל. איהר פערשטייט? ער האט איהם דארטען דער גאנגען דעם יאקאבען אונ האט אונטער געפיהרט, אז אשדכן זאל איהם ריידען אשידוך, דער ווילע האט ער זיך מיט מיר צו זאמען גירעדט אין אבריף, אז דער שידוך זאל זיין אונטער געפיהרט אייער טאכטער. אונ אזו איז גיוועזן. בשעת גימפל איז גיקומען אייך ריידען האט איהר איהם באלד ענטזאגט, איך בין אבער ארויף געקומען, האב אייך איינגע-ראמט אסור, וויא דיא זאך זאל צו געהן, אונ עס איז געגאנגען וויא געשמירט, איהר פערשטייט?

אונ ביי אייך איז רעכט גיוועזן, זאגען מינדעל אונ טייבעלע אויף אמאל, צו האלטען ביי זיך הימנען אונ צו זעהען וויא מען קלאגט נאך איהם אונ אווארט ניט צו זאגען.

אזו האט אבער געמוזט זיין, זאגט פריימאן, אום צו היילען דיא קראנקהייט וואס רופט זיך אן אייפערזוכט, געהמט מען אן שטריינגע מיטלען; אזו איז דיא רעגלען פון מעדיצין. איך בין דאך עפעס ארצט.

נו, רופט זיך אב ראזענשטאק, גענוג שוין צו דיספוטירען, גענוג מעשיות צו ערצעהלען; גייט קלייבט זיך צו אויף חתונה... שא, ווער געהט דארטען עפעס אזו האסטיג?... גלייך האט זיך גיעפינט דיא טהיר, עס איז ארין שמעיה תנחום זעהר פריילין.

18.

אז מען קען ניט אריבער מוז מען ארונטער.

ר׳ כתריאל! גיט אגעשרייא שמעיה, אהער בראנפען, אבער משופרא דשופרא; איך בין ווערט, חלעבין, איך האב אוים גע-פיהרט מיינע שליחות וואוהל, וויא איך בין אאיד; האב אפילו געלייזט עטליכע קלעפ, אבער ער ווייס שוין, וואס ער האט געזאלט וויסען.

אזו, איהר האט גיזאגט דיא צווייא ווערטער, אז איך האלט צו טאן איין אנדערן שידוך און אז דיא געפעהרליכע איז געווונד גיווארען פון צווייא ווערטער?

איך האב אלעס געזאגט, וויא מען דארף. ער איז גיוועזן גוט אין כעס... נאר ער גלויבט זיך ניט; ער האלט מיך פאר אפיאניצע און פאר איין משוגענעם. וויא גיפעלט אייך? הא?

אויב ער גלויבט ניט, זאגט פריימאן, שיקט איהם אצעטעלע.

ראזענשטאק האט זיך גלייך גיזעצט, האט אנגעשריבען אצעטעלע און האט אוועק געשיקט, וויא דעם לעזער איז שוין בעקאנט. דער ווייליע איז שמעיה גיגאנגען האט זיך אוים געזוכט אקאראפין מיט בראנפען, גייט אריין פאללענדיג פון דיא פיס. — ששא, וועמען זעה איך דא? עפעס איין אלטער בעקאנטער, וואס איז אמאל גיוועזן אויף מיר זעהר בייז עפעס איבער מיינע פלוידעריא... הערט, איך בין געפאלען אויף אפלאן און אוואוהלס, וויא איך בין אאיד... איהר הערט ר׳ כתריאל, איהר האט דאך מיר צו געזאגט, אז איך וועל האבין שדכנות פון אייער טאכטער; נאר אום שדכנות צו פערדינען מוז מען דאך ריידען אשידוך, הא? אט רייד איך אייך שוין אשידוך, אט דעם יונגען מאן קענט איהר? אט דעם הימן? ער וואלט זיך גאנץ גוט פאסען פאר אייער טאכטער... וויא איך בין אאיד, הא?

ה הה! לאכען אלע, אגוטער שדכן הלעבען, ער רעדט גאר צור זאכע, עס פאסט ווירקליך. — גוט, זאגט ראזענשטאק, איך נעהם אן, אבגעמאכט. — איך נעהם אויך אן, זאגט הימן, מיר גיפעלט דער שידוך.

אזו אייך געפעלט ביידען? און איך האב שוין גאר גיט וואס צו ריידען? — גאר נישט ענטפערן זייא.

און איך בלייב גיט געזידילט? ניט געריכען דיא בארד? ניט ארויס געטריבען? — גאר נישט, זאגט ראזענשטאק, און היינט איז טאקע בייא זייא דיא חופה.

היינט דיא חופה? אוואונדערליכע זאך, אזו גיך זאל צו געהן אשידוך, דאס טרעפט מיר דעם ערשטען מאל; אויף מיין אידישקייט. ווייליע דער שידוך איז שוין געווארען פריער.

אזו; זאגט שמעיה אונמוטהיג, און שדכנות? וואס וועט זיין?

שדכנות קריגסטו, פון דעסט וועגען, זאגט ראזענשטאק.

אזו, איז גוט. נאר איין זאך גיפעלט מיר גיט, וואס היינט איז דיא חופה, זא וועט דאך זיין איין וועצערע פאר ביידען, שלעכט...

שאדען

שארען, חלעבען אוועצערע... אוועלט ארויס געקומען, אלעס געהט פלינק צו... מען פארט אויף מאשינען, מען שרייבט זיך בריף אויף טעלעגראפען... וויא מען רעדט נאר אשידוך, ער איז שוין אב געטאן; אז מען מאכט אחתונה, מאכט מען עטליכע אויף אמאל, אונ ווער קריינקט? אונזערע ברידער א... וואו זייט איהר? עפעס קיינער איז ניטא... וואס איז דאס?... מיינע דאגות, אבי איך האב מיין בוטעל, מיט איהר קען איך אויס קומען איינער אליין אויך. הי הי הי!

אלע זיינען ווירקליך אוועק געגאנגען בשעת ער האט גירעדט אונ האבען איהם געלאזען אליין. דער ווילע זיינען זייא גיגאנגען אין סטאלאווע צו מיטאג, אונ דיא פריילינס זיינען געגאנגען אין טאנצזאל. נאך דעם עסען איז געבליבען: מען זאל לאדען יאקאבען אויף חתונה. פריימאן האט זיך אויס גערופען ער וועט געהן, דען דורך אזו אשלית, וועט ער געוויס ניט געהן. הימן זאגט ער וועט אויך מיט געהן, דען אויב עס וועט האלטען, אז מען וועט ניט קענען איהם בעוועגען מיט גוטען אונ מאכען אשלום, איז גלייכער מען זאל זיין זאלבענאנד. זייא זיינען אוועק גיגאנגען.

וויא זייא זיינען אריין צו איהם, האבען זייא איהם געפונען זיצענדיג דען קאפף געשטיצט אין דיא הענד זעהר נידער גישלאגען. — הערר קארשון, רופט זיך אב צו איהם פריימאן, איך קום יעצט פון הערן ראזענשטאק אייך בעטען אין זיין נאמען איהר זאלט פאהרען צו איהם אויף חתונה פון זיין עלטערע טאכטער. איהר וועט זיין פון דיא פארנעהמע געסט צו ליב זיינע פריינדין טייבעלע, וואס איז יעצט אייער פרויא. — וויא! גיט אגעשרייא יאקאב, נאך ווייניג האט ער מיר אויס גילאכט!... ווייניג האט ער מיך בעליידיגט! קען ער נאך זיין אזו אונפערשעמט מיך נאך אויף זיין חתונה צו לאדען, דאס הייסט, אלע זאלען אויף מיר דייטען מיט דיא פינגער!... גייט זיך אייך, איהר זייט אלע מערדער, גזלנים!... אקליינגקייט! מען האפט אריין צו זיך אפרעמדען מענשין אונ מען שפילט מיט איהם קאמעדיע... דאס איז דאך ניט גיהערט גיווארען אזא מערדערייא, אזא נבלה!...

שא שא, ערגערט זיך ניט אזו, רופט זיך אב הימן: דא איז נאר בעצאהלט גיווארען מיט דיא זעלבע מינצען, וואס איהר האט גיגעבין. איהר פארשטייט? אקלאפ פאר אקלאפ!... — ווער זייט איהר? אייך קען איך גאר ניט, גייט זיך אייך! — איהר קענט מיך גאנץ גוט, זאגט הימן. איך בין דער זעלביגע, וואס האט אייך דער לאנגט טייבעלעס

צעטעלע אין דער צייט, ווען איהר האט זיך געפראהלט מיט אייער פיינעם בעהאנדלען אין ארמעם קינד. — איהר זייט דאס? א א!

יע איך בין עס; איך בין אויך דער זעלבע, וואס האט צו געזעהן, וויא איהר האט איהר אוועק געווארפען אין וואגאן אזו טיראניש; איך בין דער זעלבע וואס האט איהר געזעהן זיך טרינקענדיג און וואס האט איהר גירעטעט; און איך בין אויך דער זעלבע, וואס האט אייך גע-זוכט און געפונען און אויפגעפיהרט דיא גאנצע מאכינאציאן, איהר זאלט איהר מקדש זיין, זיא זאל זיין אייער פרויא. אז זיא איז אייך געפעלען געוועזן פון אנפאנג, זאל זיא אייך געפעלען זיין אויף אלע מאל. און זייט וויסען, אז אויף דער וועלט איז דא גוטע מענשין אויך, און מען לאזט ניט דען אונגליקליכען און דען עלענדען צו גרונדע ברינגען.

איז וואס, מיינט איהר, האט איהר דאס אזו אויסגעפיהרט מיט אייערע שווינדלען און מיט אייערע חכמות? זאגט יאקאב. הערט, ליבע מיט געוואלד נעמט מען ניט, אז איך ליב איהר ניט, העלפט אלע אייערע קונצען ניט; איהר האט איהר גאר קיין טובה ניט געטאן, זיא איז היינט ניט גליקליכער וויא פריער. איך וועל מיט איהר אין איינעם ניט זיין, איהר פארשטייט? — דאס וועלען מיר זעהען. זאגט הימן, דער ווילע, פון דעסט וועגין, זיינען מיר געקומען אייך בעטען אויף חתונה און מיר ווילען צו ליב אייער פרויא פרידען מיט אייך שליסען.

איך וויל אייך ניט קענען! גייט אלע אין שווארציאהרען! שרייט יאקאב. ברייגנט מיר אהער מיינע דאקומענטען, וואס ער האט אויס געזווינגט פון מיר; אפילו וואס קען ער זיך מיט זייא פאלזעווען? דאר-טען איז געזאגט, אז ווען זיא איז מיין פרויא, דאן געהערט צו איהר מיין פערמעגען, — אבער היינט אז גיט, איז גאר נישט.

זיא איז דאך אבער אייער פרויא, זאגט הימן. — ווער? וואס? וואס נאך ווילט איר מיר איינריידען? ראזענשטאקס טאכטער מיין פרויא!...

ניט ראזענשטאקס טאכטער. איהר האט אטעות, זאגט הימן. אין דאקומענט שטייט, אז אייער פערמעגין געהערט צו טויבע רבקה קארשון אייער פרויא, הא? און ראזענשטאקס טאכטער רופט מען גאר מינדעל; אלזא דיא אונגליקליכע, וואס איהר קענט אונטער דעם נאמען טייבעלע, הייסט טויבע רבקה, און היינט רופט זיא זיך נאך איהר מאן קארשון; איהר פערשטייט? — אי אי אי! האט גינומען יאקאב שרייען זיך אנ-חאפענדיג פארן קאפף, וואסערע מערדערייא וואסערע רציחות דיא גזלנים האבין מיר אב געטאן!... זייא האבין מיך געקוילעט, געהרגט!...

איך

איך בין אונגליקליך !... איך בין אונגליקליך... א א ! גאט, וואסערע גזלנים עס איז דא אויף דער וועלט... אוי איך האלט ניט אויס !

איך פארשטייא גאר ניט וואס שרייט איהר ? זאגט פריימאן : מען האט אייך געגעבען אפרויא , וועלכע איהר האט פריער געליבט , אונ אייער פערמעגען האט מען אוועק געגעבען אין אייער פרויס הענד ; לעבט מיט איהר צו זאמען , זא איז דאס פערמעגען ווידער אייערעס. איהר האט זיך ניט גענארט : זיא איז שיין , קלוג , גוט , אונ וועט אייך זיין העכסט טרייא ...

גייט ארויס פון דאנען ! גזלנים , איך וויל אייך ניט קענען ארויס .

מיר גייען אוועק , זאגט הימן ; אבער זייט וויסען , אז מען האט שוין אוועק געשיקט בריף צו אייערע שכנים, אז זייא זאלין אייך אקאפיקע ניט געבין : דאס הויז אונ דיא קראמען איז ניט יאקאב קארשונס , — אונ מיט דיא רייד זיינען זייא ארויס געגאנגען , אונ יאקאב איז געבליבין נידער געשלאגין , — דעם זעלבען אבינד איז געוועזען צווייא חופות ביים ראזענ-שטאקין ; דבורה מיט וויסבערגין אונ מינדעל מיט הימן , דיא חתונה איז געוועזען גרויס ארטיג אונ זייער פרייליך , דרייא טעג נאך דער חתונה זיינען ביידע פאר פאלג פאנאנדער געפאהרען , — אין אוואך ארום איז געקומען פון יאקאב אשליח מיט אבריף , אז ער בעט , טייבעלע זאל קומען צו איהם , וואהרשיינליך איז געוועזען אמת , וואס הימן האט געזאגט מיט דיא בריף , אונ וואהרשיינליך האבין זייא געווירקט , ער האט זיך גאנץ גוט געפיהלט , אז ער איז שוין היינט קיין בעל הבית ניט אויף דיא הייזער , ווייטער האט ער זיך גוט באדיינקט , אז טייבעלע קען איהם זיין אטרייע פרויא אונ ער קען גליקליך זיין פאר איהר , ראזענ-שטאק איז מיט טייבעלען מיט געפאהרען , יאקאב איז זיא געפאהרען ענטקעגען , האט זיך מיט איהר געקושט אונ געבעטין אום פערצייהונג , וואס ער האט איהר פריער ניט ארענטליך בעהאנדעלט אונ האט פארשפראכין איהר טרייא צו זיין .

ער האט געמאכט איין אבענד מיט מוזיק , האט געלאדען גוטע פריינד אונ פערוואנטע , נאך דעם איז ראזענשטאק געוועזען אגאנצע וואך אגאסט , ער איז פון איהם אוועק געפאהרין זייער פריינדליך , אין איניגע צייט ארום האט טייבעלע געבארען אזון ; יאקאב האט זיך פאלקאמען געבעסערט ; היינט לעבט ער מיט זיין פרויא גאנץ גליקליך .

ענדע